# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

ויקהל (פרה)

מכון
באר האמונה

בס"ד

# גליון באר הפרשה

להערות והארות,
וכן לכל עניין אחר
ניתן לפנות:
לטלפון 718.484.8136

או לאימייל:
Mail@BeerHaparsha.com

*מדי שבוע בשבוע בדוא"ל בחינם*

## הירשמו היום!

*לשון הקודש*
באר הפרשה
mail@beerhaparsha.com

*אידיש*
דער פרשה קוואל
mail@derparshakval.com

*אנגלית*
**Torah Wellsprings**
mail@torahwellsprings.com

*ספרדית*
**Manantiales de la Torá**
info@manantialesdelatora.com

*צרפתית*
**Au Puits de La Paracha**
info@aupuitsdelaparacha.com

*איטלקית*
**Le Sorgenti della Torah**
info@lesorgentidellatorah.com

*רוסית*
**Колодец Торы**
info@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

מכון באר האמונה

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

העתקה או הדפסה של הגליון בכל פרמוט שהוא כדי להרויח או לפרסם עסק וכדו' ללא אישור בכתב ממכון באר האמונה הינו נגד ההלכה והחוק הבינלאומי

# אינהאלט

## פרשת ויקהל - פרה

לחשוב מחשבות - כסדר געדענקן און מתפלל זיין פאַר סייעתא דשמיא.........ד
קחו מאתכם - די חשיבות פון אַ איד, ווען ער פאַרמעסט זיך מיט שווערע נסיונות.......... י
כל נדיב לבו - דער עיקר איז די רצון און השתוקקות פון האַרץ........יג
פרה אדומה - אויך ווען די שכל פאַרשטייט אַנדערש, פאָלג איך די תורה הק'.........טז

**ספה"ק בת עין**

**די הארבקייט פון די מידה פון גאווה**

...**וְנוּכַל לוֹמַר עַל דֶּרֶךְ עֲבוֹדָה** און אונז קענען זאגן אויף די וועג פון עבודה, **דְּהִנֵּה עִיקַּר עֲבֹדוּת ה' הוּא בִּבְחִינַת הַכְנָעָה וַעֲנָוָה וּקְדוּשָּׁה** די עיקר פון עבודת השם איז אז א מענטש זאל זיין אין די בחינה פון הכנעה און ענוה און קדושה.

**כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שמות לג, כ) **'כִּי לֹא יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי'** אזוי ווי עס שטייט 'ווייל דער מענטש וועט מיר נישט זעהן און בלייבן לעבן', **'אָדָם חָי' בְּגִימַטְרִיָּא 'גַּס'** די צוויי ווערטער 'אדם חי' איז בגמטריא 'גס', **הוּא גַּסּוּת רוּחַ** וואס דיווארט 'גס' מיינט שטאלצקייט (גאווה). **פֵּירוּשׁ כְּשֶׁיֵּשׁ לָאָדָם חַס וְשָׁלוֹם גַּסּוּת הָרוּחַ לֹא יוּכַל לִרְאוֹת אֶת פָּנַי** דאס מיינט ווען א מענטש האט חס ושלום די שלעכטע מידה פון גאווה וועט ער נישט קענען זעהן דעם באשעפער'ס פנים, **כִּי אֵין אֲנִי וְהוּא וְכוּ'** (סוטה ה.) אזוי ווי די גמרא זאגט אז דער באשעפער זאגט 'איך - און דער בעל גאוה קען נישט וואוינען צוזאמען' .

**וְזֶהוּ 'כִּי לֹא יִרְאַנִי הָאָדָם'** און דאס מיינט די פסוק 'ווייל א מענטש קען מיר נישט זעהן', **אֵימָתַי** ווייסטו ווען א מענטש קען נישט זעהן (דעם באשעפער), **'וָחָי'** ווען דער מענטש איז 'וחי', **כְּשֶׁהוּא מְדַבֵּק עִם מִסְפָּר 'חַי'** ווען דער מענטש 'אדם' איז באהאפטן צו די ווארט 'וחי' (וואס איז בגמטריא 'גס'), **הוּא גַּסּוּת כַּנַּ"ל** וואס דאס מיינט אז דער מענטש איז א בעל גאווה ווי אויבנדערמאנט.

**(פרשת ויקהל ד"ה הצרי)**

תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# ויקהל - פרה

**לחשוב מחשבות - כסדר געדענקן און מתפלל זיין פאַר סייעתא דשמיא**

'ששת ימים תעשה מלאכה' (לה, ב). דאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס זאָגט דער פסוק 'תֵּעָשֶׂה' (עס זאָל געמאַכט ווערן), און נישט 'תַּעֲשֶׂה' (דו זאָלסט מאַכן).

**ענטפערט** דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, אַז דער פסוק קומט אונז לערנען דעם ריכטיגן וועג ווי אַזוי אַ מענטש זאָל צוגיין טוהן זיין אַרבעט אין די זעקס טעג פון די וואָך. ער זאָל נישט טראַכטן חלילה אַז ער איז דער וואָס טוט די אַרבעט, און ער ברענגט פרנסה אַדאַנק זיין גרויסע קלוגשאַפט און כשרונות, נאָר ער זאָל וויסן און גלייבן אַז דער אויבערשטער טוט אַלעם אויף דער וועלט, נאָר וואָס דען, דער אויבערשטער האָט אַרויסגעגעבן אַ גזירה פון 'השתדלות', אַז מ'דאַרף אַרבעטן פאַר פרנסה, אָבער דער 'סיבת כל הסיבות' איז דער אויבערשטער אַליין, און אַלעם וואָס דער מענטש טוט אויף דער וועלט, איז נישט מער ווי אַ 'וועג' צו ברענגען פאַר זיך דאָס וואָס מ'האָט איהם באַשטימט פון הימל, און די פרנסה ווענדעט זיך אינגאַנצן נישט אין זיין אַרבעט.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק: ששת ימים 'תֵּעָשֶׂה' מלאכה. דער מענטש זאָל זיך שטאַרקן מיט אמונה צו וויסן אַז די אַרבעט ווערט געטוהן פון זיך אַליין, אָן אַ שייכות מיט איהם זעלבסט[א]. (געברענגט אין ספה"ק 'באר משה', פון הרה"ק רבי משה'לע קאָזשניצער זי"ע, פ' פקודי)

**אַזוי** טייטשט הרה"ק בעל 'דברי שמואל' מ'סלאָנים זי"ע (פ' ויקהל, ד"ה 'ולחשוב'), דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (לה, לב) לחשוב מחשבות לעשות בזהב

**א.** הרה"ק רבי חיים קראַסנער זי"ע איז געזעסן טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה. ער איז כמעט נישט אַרויסגעגאַנגען צום המון עם.

אַמאָל איז געקומען קיין קראַסנא אַ גוי וואָס האָט געמאַכט פאַרשידענע 'קונצן'. איינע פון זיינע 'חכמות' איז געווען, אַז ער האָט צוגעבונדן אַ דינעם שטריק פון איין זייט טייך און אַנדערן עק, און ער איז געגאַנגען אויף דעם שטריק איבער'ן טייך ווי איינער וואָס שפּאַצירט רואיג און זיכער אויף די יבשה. זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז אַלע מענטשן פון שטאָט זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן צו זעהן די מורא'דיגע מראה - צווישן זיי, איז אויך רבי חיים געגאַנגען זעהן די 'וואונדער'. האָבן אַלע זיך געוואונדערט, פאַרוואָס דער הייליגער צדיק האָט דאָ געמאַכט אַן אויסנאַם און איז אַרויס פון זיינע ד' אמות פון קדושה און טהרה צו זעהן די מחזה.

ווען רבי חיים איז געווען אויפ'ן וועג צוריק אַהיים, האָט דער משמש איהם געפרעגט פאַרוואָס ער האָט משנה געווען פון זיין סדר נישט אַרויסצוגיין כמעט פון שטוב, כדי צו זעהן די קונצן פון דעם גוי. האָט רבי חיים איהם געענטפערט:

- זעה נאָר, דער דאָזיגער גוי שטעלט זיך איין דאָס לעבן פאַר זיין פרנסה, אָבער אין די מינוטן וואָס ער שפּאַצירט אויפ'ן שטריק, טראַכט ער נישט אַפילו אַ סעקונדע פון דעם געלט וואָס ער וועט באַקומען באַצאָלט דערפאַר, נאָר זיין גאַנצער קאָפּ איז יעצט פאַרנומען נאָר מיט זיינע טריט און וועגן דעם דינעם שטריק אויף וועלכן ער גייט יעצט אַריבער, ווייל אויב ער וועט מסיח דעת זיין אַפילו אויף אַ סעקונדע צו טראַכטן וועגן זיין פרנסה ודומה, וועט ער דאָך פאַלן און אַריינטראַסקען אין טייך (און דאַן וועט ער שוין נישט דאַרפן קיין געלט...).

דער לימוד פון די מעשה פאַר אונז איז, ווען דער מענטש גייט אַרויס אַרבעטן און ער איז פאַרנומען פון אינדערפרי ביז ביינאַכט צו ברענגען פרנסה, דאַרף ער אָבער געדענקען **בשעת ער באַשעפטיגט זיך מיט די פרנסה, צו טראַכטן נאָר פון דעם אויבערשטען**, ווייל אויב נישט, וועט ער חלילה באַלד אַריינפאַלן אין שלעכטע מחשבות פון אמונה. ער זאָל צובינדן זיין מח און האַרץ נאָר צו דעם טאַטן אין הימל, ווייל נאָר פון איהם קומט די פרנסה, בריווח ובניקל.

ובכסף ובנחושת', אַז די עיקר עבודה פון אַ איד איז, ווען ער איז באַשעפטיגט מיט זיינע געשעפטן אין פרנסה און אַנדערע גשמיות'דיגע באַדערפענישן, און נישט נאָר דאַרף ער זיך היטן פון זאַכן וואָס זענען אסור, אַזוי ווי גזילה, אונאה, א.ד.ג., נאָר פשוט צו היטן זיינע געדאַנקען אַז ער זאָל אייביג געדענקען אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס שפייזט אַלע באַשעפענישן.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק (תהלים קכח, ב) 'יגיע כפיך כי תאכל'. דער פסוק זאָגט נישט 'יגיע ראשך', נאָר 'כפיך', אונז צו לערנען, אַז דער קאָפּ דאַרף בלייבן משועבד צו דעם אויבערשטען, און נישט זיך איינזינקען אין די אַרבעט. דאָס איז אויך די כוונה פון פסוק, 'ולחשוב מחשבות' - דו זאָלסט טראַכטן גוטע מחשבות, געדאַנקען פון אמונה, אויך ווען דו ביזט פאַרנומען מיט 'זהב וכסף ונחושת'.

**אַזוי** איז באַקאַנט וואָס דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געטייטשט דעם דערמאנטן פסוק אין תהלים, 'יגיע כפיך כי תאכל'. דער פסוק זאָגט יגיע 'כפיך', און נישט יגיע 'ראשך', ווייל כאָטש דער מענטש דאַרף אַרבעטן מיט זיינע הענט פאַר זיין פרנסה אָדער אַנדערע זאַכן, אָבער ער זאָל זעהן צו טוהן די אַרבעט נאָר מיט זיינע 'הענט'[ב], אָבער די קאָפּ און די געדאַנקען זאָלן נישט 'איינזינקען' צוזאַמען מיט זיינע הענט אין די גשמיות'דיגע אַרבעט מיט אַ איבעריגע 'צעפליקטע' השתדלות, וואָס ברענגט נישט פאַר דעם מענטש קיין שום תועלת[ג].

---

**ב.** ענליך האָט געזאָגט הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע, אויף די ווערטער פון חז"ל (ברכות ח.) 'גדול הנהנה מיגיע **כפו** יותר מירא שמים'. דאַרף מען פאַרשטיין, מיט וואָס איז אַזוי גרויס די מעלה פון איינעם וואָס האָט הנאה פון זיין שווערע אַרבעט, מער ווי פון דעם ירא שמים?

האָט הרה"ק רבי יחזקאל'ע געענטפערט, אַז די כוונה איז אַז ער **אַרבעט מיט זיינע 'הענט', און נישט מיט'ן 'קאָפּ'**. אויך ווען ער איז פאַרנומען מיט גשמיות, זעהט ער דעם באַשעפער אויף יעדן שריט און טריט. אַזאַ מדריגה פון ריינע און קלאָרע אמונה, שטייגט איבער די מדריגה פון דעם ירא שמים (געברענגט אין ספר 'חמדת דוד', פ' עקב).

**ג.** אַ דרשן האָט אַמאָל געהאַלטן אַ דרשה אין אַ ביהמ"ד. אינמיטן די דרשה איז צוגעקומען צו איהם איינע פון די עסקנים און איהם אַריינגערוקט אין האַנט אַ קליין צעטל. דער דרשן האָט אַריינגעקוקט אינעם צעטל, און מ'האָט געזעהן אַז ער איז דאָ עפּעס שטאַרק שטאַרק נתרגש געוואָרן. דאַן האָט ער זיך אָנגערופן צום עולם צוהערער, אַז יעצט איז אַריינגעקומען אַ שיינער סכום געלט דורך איינעם וואָס איז אַ 'חפץ בעילום שמו', ער וויל נישט מ'זאָל וויסן ווער עס האָט געגעבן דאָס געלט, און ער וויל אַז מ'זאָל עס צעטיילן צווישן אַלע פאַרזאַמלטע. דער וועג ווי אַזוי מ'וועט טיילן דאָס געלט (כדי די מענטשן זאָלן זיך נישט קריגן איבער'ן געלט) זאָל מען מאַכן פופציג 'חברותות', פון צוויי מענטשן יעדע חברותא. יעדער איינער דאַרף זיך 'פאַרמעסטן' מיט זיין חבר, און מיט זיין האַנט זעהן אַריבערצובייגן דעם חבר'ס האַנט, ביז דעם צווייטנ'ס האַנט וועט אַראָפּקומען ביז'ן טיש. יעדעס מאָל ווען ער וועט באַזיגן זיין חבר, וועט ער באַקומען פינף דאָלאַר.

דער גאַנצער עולם האָט זיך באַלד אַרויסגעלאָזט אויף די 'מציאה', ממש 'כמוצא שלל רב', און זיי האָבן זיך איינגעטיילט צו פופציג 'חברותות', און האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט פון איינבייגן די הענט. נאָך צען סעקונדעס, האָט דער רעדנער אויסגערופן: 'עד כאן'... יעצט וועט מען אָנהייבן פאַרטיילן דאָס געלט, און יעדער איינער וועט באַקומען לויט וויפיל מאָל ער האָט באַוויזן אַראָפּצובייגן דעם צווייטנ'ס הענט. אַלזאָ, דאָס ערשטע פאָרן האָט אָפּגעציילט וויפיל זיגן זיי האָבן געהאַט, און עס איז אויסגעקומען אַז 'ראובן' האָט געזיגט דריי מאָל, און ער וועט באַקומען דערפאַר פופצן דאָלאַר. 'שמעון' האָט געזיגט נאָר צוויי מאָל, און ער האָט באַקומען צען דאָלאַר. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום צווייטן פאָרל, און זיי האָבן איהם געענטפערט מער-ווייניגער אַזוי ווי די פריערדיגע, איינער האָט געזיגט פיר מאָל, און דער צווייטער האָט געזיגט נאָר איין מאָל, און זיי האָבן באַקומען זייער לוין וואָס ס'איז זיי געקומען, און דאָס זעלבע ביי די אַנדערע 'חברותות', ביז זיי זענען אָנגעקומען צום לעצטן פאָרל, און צו אַלעמענ'ס וואונדער, האָבן זיי געענטפערט אַז יעדער איינער פון זיי האָט געזיגט דריי הונדערט מאָל, און עס קומט איהם 1,500 דאָלאַר... האָט זיך יעדער געוואונדערט, וואָס איז דער 'סוד' פון זייער הצלחה. האָבן זיי געענטפערט בפשטות, איר האָט פרובירט אַראָפּצולייגן איינער דעם אַנדערנ'ס האַנט, און גלייכצייטיג האָט איר עס געהאַלטן שטאַרק אַז ער זאָל נישט באַוויזן אייך צו באַזיגן. קומט אויס אַז יעדער איינער פון אייך האָט אַריינגעלייגט אַסאַך כוחות ווי

**דער גאון בעל 'בן איש חי' זצ"ל שרייבט, אין זיין ספר 'בניהו'** (ברכות ו: ד"ה 'כל') **אויף די ווערטער פון די גמרא** (ברכות כא.), **'ולואי שיתפלל אדם כל היום כולו'. דאַרף מען פאַרשטיין, אויב דער מענטש זאָל דאַווענען אַ גאַנצן טאָג, ווען וועט ער לערנען, און ווען וועט ער דאַווענען?**

---

אַזוי צו שטאַרקן זיך אויפ'ן צווייטן, און דאָס האָט גענומען פון ענקער צייט, און ממילא, זענען די 'נצחונות' געווען גאָר ווייניג.

פון דער אַנדערער זייט, האָבן מיר באַשלאָסן צוזאַמען, אנשטאט די 'מחלוקת' אַראָפּצוואַרפן איינער דעם אַנדערן'ס האַנט, האָבן מיר געזעהן צו העלפן איינער דעם אַנדערן, יעדער איינער האָט געהאָלפן דעם צווייטן אַראָפּליגן זיין האַנט רואיג..

קומט אויס, אַז די אַלע וואָס האָבן זיך באַמיהט און געפלאָגט, איז האָבן נישט נאָר גאָרנישט אויפגעטוהן מיט זייער האָרעוואַניע און פלאָג, נאָר זיי האָבן נאָך שאָדן געהאַט אַסאַך געלט, און נישט נאָר דאָס, נאָר זייער גאַנצע האָרעוואַניע איז געווען אומזיסט. זיי האָבן זיך נאָר אַליין ווי געטוהן, אָבער די וואָס האָבן געטוהן רואיגערהייט אָן זיך איבערשטרענגען, האָבן פאַרדינט צען מאָל אַזוי פיל...

די מעשה איז אַ לימוד פאַר אונז, אַז **כאָטש דער מענטש דאַרף טוהן השתדלות, אָבער ס'איז נישט דאָ קיין אָרט פאַר אַן איבערגעטריבענע השתדלות אונטער אַ דרוק, ווייל די השתדלות וועט איהם נישט העלפן פאַרדינען מער ווי ס'איז באַשטימט געוואָרן פאַר איהם. אדרבה, עס וועט צוריקהאַלטן פון איהם ח"ו די פרנסה, און ער פאַרלירט אומזיסט כוחות הגוף והנפש... אָבער דער מענטש וואָס טוט אַלעס מיט ישוב הדעת, און מיט אמונה אין גרויסן באַשעפער, וועט ביי איהם מקוים ווערן דער פסוק 'וברכתיך בכל אשר תעשה'...**

פון די מעשה לערנען מיר אויך, אַז דער מענטש וואָס טראַכט נאָר פון זיך, זיין גאַנצע מחשבות איז נאָר ווי אַזוי 'ער' זאָל קענען מצליח זיין, איז זיין פלאָג אַן אומזיסטע, און ער האָט נאָר אַביסל מצליח געווען... אָבער דער וואָס טראַכט וועגן אַ צווייטן, ברענגט אויף זיך אַסאַך ברכות...

דער יסוד פון די ווערטער, זאָגט דער 'ערבי נחל' (פ' מקץ, דרוש א', ד"ה 'ואמנם') אין נאָמען פונעם 'אלשיך' הקדוש זי"ע, ער גיט אָן **'עצה טובה' פאַר דעם וואָס נויטיגט זיך אין אַ ישועה:** אַזוי איז עס בפרטיות ביי יעדן מענטש פריוואַט. אויב צוויי מענטשן מענטשן באַהעפטן זיך מיט אַן אמת'דיגע ליבשאַפט אַז יעדער איינער וועט טוהן גוטס מיט'ן צווייטן, און עס וועט הערשן צווישן זיי אַזאַ שטאַרקע ליבשאַפט ביז יעדער איינער פון זיי וועט בכלל נישט טראַכטן פון זיין אייגענע טובה, נאָר ער וועט טראַכטן נאָר וועגן דעם תועלת פון זיין חבר, וועט ער ממשיך זיין **די זעלבע הנהגה אויף זיך פון דעם אויבערשטען, אַז ער וועט כביכול אָפּווענדן פון אַלע זיינע געשעפטן און ער וועט טראַכטן נאָר פון טוהן גוטס מיט דעם מענטש וואָס פירט זיך אַזוי**, ווי עס איז באַקאַנט וואָס חז"ל זאָגן אויפ'ן פסוק (תהלים קכא, ה) 'ה' צלך', אַז אַלעס וואָס דער מענטש טוט, איז ער ממשיך אויף זיך פון דעם אויבערשטען. אָבער מענטשן וואָס עס הערשט נישט צווישן זיי אמת'דיגע ליבשאַפט, איז כאָטש זיי האָבן אויך נישט פיינט איינער דעם אַנדערן, אָבער וויבאַלד יעדער איינער פון זיי טראַכט נאָר וועגן זיך אַליין, און ער לייגט נישט צו האַרץ פאַר די טובה פון אַ צווייטן, טוט דער אויבערשטער חלילה אויך נישט טראַכטן וועגן זיין טובה.

שרייבט דער 'ערבי נחל', אַז צוליב דעם, אין יעדע עת צרה ח"ו איז גוט פאַר דעם מענטש זיך צו באַהעפטן מיט אַן 'אהבה גמורה' מיט אַ צווייטן מענטש, אָדער מער... און מיט דעם וועט ער גורם זיין אַז דער אויבערשטער כביכול זאָל אָפּקערן פון אַלע זיינע געשעפטן און טראַכטן נאָר וועגן זיין טובה, און ער וועט געראַטעוועט ווערן פון אַלעם בייזן.

דאָס זעלבע האָט פאַסירט מיט מרדכי און אסתר. מרדכי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן זיך אַליין, נאָר וועגן דעם וואוילזיין פון אסתר המלכה, און ממילא, ווען ער האָט געהערט וואָס בגתן און תרש ווילן טוהן, האָט ער געוואוסט אַז דער מענטש וואָס ראַטעוועט דעם קעניג'ס לעבן באַקומט אַ גרויסע לוין, און צוליב דעם האָט ער דערציילט וועגן דעם פאַר אסתר המלכה, כדי זי זאָל באַלוינט ווערן פונעם קעניג. אסתר, ווידער, האָט אייביג געטראַכט נאָר וועגן די טובה פון מרדכי הצדיק, דעריבער, 'ותאמר אסתר למלך בשם מרדכי' - האָט זי דערציילט וועגן דעם צום קעניג, אין מרדכי'ס נאָמען, און דורך דעם איז אַרויסגעקומען אַ ישועה פאַר זיי און פאַר גאַנץ כלל ישראל אין זייער זכות, עכ"ד.

ענטפערט דער 'בניהו', אַז דאָ רעדט מען נישט פון דאַוונען מיט'ן מויל, נאָר פון דאַוונען מיט'ן האַרץ. דאָס מיינט, דער מענטש זאָל אייביג געדענקען אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע כוחות, נאָר דער אויבערשטער גיט איהם כח מצליח צו זיין. ווען נישט דער פאַקט וואָס דער אויבערשטער העלפט כסדר דעם מענטש, קען ער גאָרנישט טוהן. צוליב דעם איז יעדע מינוט - ביים לייגן זיך שלאָפן, און ביים אויפשטיין, און בשעת'ן האַנדלען - דאַרף דער מענטש מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, ער זאָל איהם געבן כח און סייעתא דשמיא צו טוהן וואָס ער דאַרף טוהן, און אַז ער זאָל האָבן הצלחה אין אַלעם וואָס ער טוט.

**אויף** דעם זאָגט די גמרא, הלוואי זאָל דער מענטש דאַוונען אַ גאַנצן טאָג. דאָס מיינט, אַ תפילה פון האַרץ, מיט אַ האָפענונג צום אויבערשטען אַז ער וועט איהם העלפן, און ער וועט משפיע זיין אויף איהם טובות און ברכות[ד].

---

**ד.** מיר האָבן געהערט פון הרב הגאון רבי ישראל מאיר טורצין שליט"א, אַז זיין פאָטער, הגאון רבי אלעזר צדוק זצ"ל (וועלכער האָט געמאַכט דעם ספר 'שונה הלכות', צוזאַמען מיט דעם גאון רבי חיים קניבסקי זצ"ל), **איז געווען אַ מקורב ביי דעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל** (אגב, מ'האָט אַמאָל געפרעגט דעם 'חזון איש', פאַרוואָס ער איז אַזוי מקרב רבי אלעזר צדוק און זיין ברודער, רבי חיים אהרן, מיט אזוי פיל קירוב - אויך ווען דער 'חזון איש' האָט זיך נישט גוט געשפירט און מ'האָט נישט אַריינגעלאָזט צו איהם מענטשן, האָבן זיי געהאַט ביי איהם אַן אָפענע טיר - האָט דער 'חזון איש' געענטפערט: וואָס זאָל איך טוהן... איך האָב ליב זייער ריינקייט און יראת שמים).

אַלס יונגערמאַן נאָך די חתונה, איז רבי אלעזר צדוק אמאָל אַריינגעקומען צום 'חזון איש', צו פרעגן אַ שאלה. נאָך דעם ווי דער 'חזון איש' האָט איהם געענטפערט אויף זיין שאלה, האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

- איך האָב אַ 'חקירה'. אָפט מאָל זעהט מען איינעם וואָס אַלס בחור אין ישיבה, איז ער געווען אַ תלמיד חכם און ירא שמים, און נאָך די חתונה איז ער געוואָרן איבערגעדרייט צו אַן אַנדערן מענטש. מ'זעהט נישט ביי איהם, נישט קיין התמדה, און נישט אַן עבודה ביים דאַוונען צום באַשעפער. ער ווערט ממש ווי אַ פשוט'ער מענטש... האָב איך אַלזאָ אַ 'חקירה', צי איז ער אין די ישיבה יאָ געווען אַ תלמיד חכם און ירא שמים, נאָר וואָס דען, נאָך דער חתונה, ווען ער איז אַרויס אין דער גרויסער וועלט, האָט זיין יראת שמים זיך 'אָפּגעקילט', אָדער נאָך זייענדיג אין ישיבה, איז זיין גוטע התנהגות דאָרט אויך נישט געווען מיט אַן אמת, נאָר אָן חיות און פנימיות, צו לעבן מיט'ן באַשעפער.

הערנדיג די 'חקירה' פונעם הייליגן מויל פונעם 'חזון איש', איז רבי אלעזר צדוק געוואָרן אויפגעציטערט, טראַכטנדיג ביי זיך, ווער ווייסט צי דער 'חזון איש' מיינט נישט איהם... אַז ער איז חלילה 'קאַליע געוואָרן' נאָך די חתונה... פון שטוינונג, איז רבי אלעזר צדוק געבליבן שטיין ווי פאַרשטומט. ער האָט נישט געענטפערט מיט אַ וואָרט, און דער 'חזון איש' האָט איהם אָפּגעזעגנט.

אינגאַנצן צעטראָגן און פאַרטראַכט, וואָס האָט דער רבי געוואָלט פון איהם, איז רבי אלעזר צדוק אַרויס אויפ'ן גאַס. זייענדיג פאַרטראַכט, האָט ער אַפילו נישט אין אַכט גענומען אין וועלכע ריכטונג ער גייט, און אנשטאָט אַהיימצוגיין, האָט ער אָנגעהויבן גיין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. אויפ'ן וועג האָט ער באַגעגנט זיינעם אַ פריינט, וועלכער האָט זיך דערשראָקן זעהענדיג זיין פנים און איהם געפרעגט: 'אלעזר צדוק, וואָס האָט פּאַסירט מיט דיר?... דו זעהסט עפּעס אויס זייער צעטראָגן'.

האָט רבי אלעזר צדוק איהם געענטפערט מיט'ן דערציילן 'דברים כהוייתן': איך קום יעצט פונעם 'חזון איש', אַזוי און אַזוי האָט ער מיך געפרעגט, און ער האָט מיר נישט געענטפערט. ממילא, טראַכט איך אַריין, וואָס האָט ער געוואָלט פון מיר, און וואָס איך האָב איך געטוהן אַן עוולה, אַז דער 'חזון איש' האָט מיך געפרעגט די דאָזיגע שאלה. ממילא, יאָג איך זיך אַהיים צו גיין, כדי זיך אַביסל צו באַרואיגן. האָט זיין פריינט איהם געזאָגט:

- קודם-כל, גייסטו דאָך אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון דיין הויז... און צווייטענס, וואָס איז דיר איינגעפאַלן אַהיימצוגיין? פאָלג אַלזאָ מיין עצה, גיי צוריק צום רבי'ן, און בעט איהם ער זאָל דיר ערקלערן זיין כוונה, און וואָס עס איז זיין ענטפער אויף זיין שאלה.

רבי אלעזר צדוק האָט אַזוי געטוהן. ער איז צוריק אַרויפגעגאַנגען צום 'חזון איש', און ער האָט פאָרגעלייגט פאַר איהם זיין קלעם. האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

- איך האָב דיך אָפּגעזעגנט, ווייל איך האָב געזעהן אַז דו בעטסט נישט אַ תירוץ אויף מיין שאלה, אָבער יעצט, אַז דו האָסט יאָ געבעטן אַ תירוץ, וועל איך דיר זאָגן: דער בחור וועגן וועלכן איך האָב דיך געפרעגט, איז

**'וזכרת** את ה' אלוקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל' (דברים ח, יח). דאָס מיינט, אויב דער מענטש איז אַ גוטער בעל מלאכה. ער איז אַ גוטער 'שמיד', וואָס קען אויסשמידן פאַרשידענע כלים, און ער זעהט אַז אַלעס וואָס ער האָט געמאַכט ליגט פאַר איהם, און אויך דאָס גאָלד און זילבער וואָס ער מוז דערפון מאַכן כלים ליגט פאַר איהם, זאָל ער נישט זאָגן, די טבע איז מחייב איך זאָל צוענדיגן די כלי, וויבאַלד אַלעס וואָס איך דאַרף איז נאָר צו ענדיגן, ווייל אַלעס איז דאָך שוין גרייט, און אויב ער האָט שוין אָנגעהויבן, זאָל ער נישט טראַכטן, איך וועל דאָך עס אַוודאי צוענדיגן, און עס איז גלייך ווי אַלעס איז שוין פאַרטיג, נאָר ער זאָל טראַכטן ביי זיך, אַז אויב דער אויבערשטער וועט איהם נישט געבן כח און חיות, וועט ער גאָרנישט קענען אויפטוהן. ממילא איז ראוי, ער זאָל בסדר, אַפילו ווען ער מאַכט די כלי, זאָל ער מתפלל זיין אין זיין האַרץ צום אויבערשטען אַז ער זאָל איהם געבן חיות און כח עס צוצוענדיגן.

**אויך** אויב ער האָט אַ געשעפט אויפ'ן גאַס וואו ער פאַרקויפט פאַרשידענע אַרטיקלען, עס געפינען זיך אינעם געשעפט צום פאַרקויפן אַלעס וואָס מענטשן קענען נוצן, און מענטשן גייען אַריבער אויפ'ן גאַס, זאָל ער נישט טראַכטן ביי זיך, די נאַטור איז דאָך מחייב אַז איך וועל אַוודאי פאַרקויפן מיין סחורה און איך וועל פאַרדינען געלט, נאָר ער זאָל יעדע סעקונדע מתפלל זיין אין האַרץ צו דעם אויבערשטען אַז ער זאָל איהם געבן כח און חן, און הצלחה, אַז ער זאָל קענען פאַרקויפן זיינע סחורות, און פאַרדינען דערביי.

**אויך** אויב ער גייט אַרויס האַנדלען, זאָל ער נישט זאָגן, מיינע פיס פירן מיך ב"ה אָן קיין שום פראבלעמען און איך זעה דעם וועג וואו צו גיין, און לויט די נאַטור, וועל איך אַוודאי אָנקומען דאָרט וואו איך ציל אָנצוקומען, נאָר ער זאָל יעדע סעקונדע מתפלל זיין מיט'ן גאַנצן האַרץ צום באַשעפער, אַז ער זאָל איהם געבן כח צו גיין און אָנקומען צו זיין ציל אָן קיין שום אָפּהאַלט. און נישט נאָר דאָס, נאָר אַפילו דער טיש פול מיט גוטע מאכלים, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר איהם. ער האַלט שוין אַפילו אין האַנט דאָס לעפל מיט'ן געקעכטס. ער האָט עס שוין אַפילו אַריינגעלייגט אין מויל, דאַרף ער נאָך אויך מתפלל זיין יעדע רגע,

---

זיין מצב אין ישיבה באמת שוין געווען אַזוי גוט, ווייל **מענטשן רעדן זיך איין אַז די אמונה געפינט זיך יעדע מינוט אין טאַש פון אַ איד... דאָס איז אָבער אַ גרויסער טעות, ווייל כדי זיך איינצוקויפן אמונה, דאַרף דער מענטש אַרבעטן יעדן טאָג. אויב ער וועט נישט אַרבעטן דערויף, וועט ער נישט האָבן קיין אמונה.**

- און אויב דו ווילסט וויסן **ווי אַזוי מ'קויפט אמונה**, פרעג איך דיך, וואָס טוסטו ווען דו גייסט אַרויס קויפן שיך ווייל דיינע ביז-יעצטיגע שיך זענען שוין צעריסן, אין אַ בחינה פון 'פרוץ מרובה על העומד'... וועסטו דאָך אַוודאי נעמען געלט און זיך אַרויסלאָזן אויפ'ן גאַס, צו קויפן שיך אין אַ שיך-געשעפט...

- וויסן זאָלסטו אָבער, אַז לא זו דרכה של תורה, נאָר ביפאַר מ'גייט קויפן שיך, דאַרף דער מענטש דאַרף זיך אַוועקשטעלן ביי די טיר פון הויז, און מתפלל זיין צום אויבערשטען, ער זאָל קענען טרעפן שיך וואָס זענען גענוי צוגעפאַסט צו זיין מאָס, ער זאָל זוכה זיין אָנצוקומען צו דעם שיך-געשעפט וואָס איז פאַר איהם דאָס בעסטע, און אויך דער פרייז וואָס מ'וועט פון איהם פאַרלאַנגען, זאָל זיין לויט זיינע מעגליכקייטן. ערשט דערנאָך, זאָלסטו אַרויסגיין אין גאַס, און אַזוי וועסטו מצליח זיין וואו דו וועסט זיך נאָר ווענדן.

- דאָס זעלבע ווען דו גייסט אַרויס יעדן טאָג קויפן ברויט און מילך פאַר דיין משפחה. עס איז אינגאַנצן נישט אַזוי 'פשוט', ווי עס דאַכט זיך, ווייל מ'דאַרף מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, אַז מ'זאָל זוכה זיין צו געפינען לייכט וואָס מ'זוכט, און **אַזוי וועט אויסקומען אַז מ'וועט אייביג אַרבעטן זיך צו קענען איינקויפן אמונה.**

- דאָס איז דער תירוץ אויף מיין 'חקירה'... - האָט דער 'חזון איש' אויסגעפירט צו רבי אלעזר צדוק - נאָר נאָך דעם ווי דער מענטש טוט אין זיינע בחורי'שע יאָרן איינוואָרצלען אמת'ע אמונה אין זיין מח און האַרץ, קען עס האָבן אַ 'קנין נפש' ביי איהם, אַז ער זאָל נישט פאַרלירן דעם קלאָרן דעת און שלוות הנפש, אויך נאָך דעם ווי ער גייט אַרויס אויף דער וועלט.

דער סך-הכל פון דעם שמועס איז, אַז דער וואָס לערנט צו געדענקען און וויסן אַז ער איז אָנגעוויזן יעדע רגע אויף די חסדים פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, וועט ביי איהם מקוים ווערן 'אשרי אדם בוטח בך', און ער וועט נישט פאַלן פון זיין מדריגה.

אין ביי יעדן שלינג, אַז דער אויבערשטער זאָל איהם געבן כח אַראָפּצושלינגען דאָס עסן. עס זאָל אַראָפּקומען אין מאָגן בשלום, דאָרט וואו עס דאַרף אָנקומען.

**דאָס** זעלבע ביי יעדע זאַך - סיי זאַכן וואָס ווערן געטוהן אינדערהיים, און סיי זאַכן וואָס דער מענטש טוט אינדרויסן. סיי ברוחניות, סיי בגשמיות, ביים אויפשטיין און ביים שלאָפן, איז אויך אויב ער זעהט אַלעם אָנגעגרייט פאַר איהם, דאַרף ער יעדע סעקונדע מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען אויף אַלעם וואָס ער דאַרף האָבן און וואָס ער וויל טוהן.

**אויף** דעם זאָגן חז"ל (ב"ר פי"ד, ט) 'על כל נשימה ונשימה תהלל י-ה' - אויף יעדן איינצלנעם אָטעם, זאָלסטו לויבן דעם אויבערשטען. און אויף דעם זאָגט דער פסוק, 'וזכרת את ה' אלוקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל'. דו זאָלסט געדענקען דעם אויבערשטען, אַז ער איז דער וואָס גיט דיר דעם כח צו פאַרדינען און צו אָנגיין מיט'ן לעבן. דאָס געדענקען, איז מיט'ן האַרץ.

קומט אויס, אַז מיט די ווערטער 'ולואי שיתפלל אדם כל היום כולו', האָבן חז"ל נישט געמיינט דווקא צו דאַווענען מיט'ן מויל, נאָר אַ תפילה מיט'ן האַרץ. דאָס הייסט, ער האָפן אין האַרצן יעדע סעקונדע, אַז ער וועט באַקומען פון דעם אויבערשטען חיות און כח, כדי ער זאָל קענען טוהן אַלעס וואָס ער טוט, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות, און אט די האָפענונג וואָס דער מענטש האָפט אַז דער אויבערשטער וועט איהם געבן כח, איז דער ענין פון תפילה, וואָס חז"ל האָבן געמיינט צו זאָגן, הלוואי זאָל מען אַ גאַנצן טאָג מתפלל זיין.

**דער** 'בן איש חי' פירט אויס מיט אַ רמז: דער 'מילוי' פון דעם וואָרט 'אדם' איז אל"ף דל"ת מ"ם. דאָס זענען די זעלבע אותיות ווי 'מתפלל' - אַ רמז אַז דער מענטש דאַרף אייביג מתפלל זיין. אויך דער 'מילוי' פונעם וואָרט 'לב' - למ"ד בי"ת - האָט די זעלבע אותיות ווי 'תמיד', אַ רמז אַז די תפילה וואָס מ'דאַרף מתפלל זיין מיט'ן האַרץ, גייט אָן יעדע סעקונדע, בייטאָג און ביינאַכט, עכ"ד.

## מן הבאר

עס איז פאַרהאַן אַ מורא'דיגע תשובה פונעם רשב"א, ווי ער שרייבט (תשובות הרשב"א, ח"ה, סי' א): אויף דיין שאלה איך זאָל דיר ערקלערן פאַרוואָס מיר פירן זיך צו זאָגן דעם פסוק 'ואני תפילתי לך ה' עת רצון' שבת ביי מנחה, און אויב די צייט פון מנחה איז אַן עת רצון, פאַרוואָס זאָגן מיר נישט דעם פסוק אויך אין יום טוב?

ענטפערט דער רשב"א, וויסן זאָלסטו, אַז **די צייט פון מנחה איז אַן עת רצון**, פונקט אַזוי ווי עס זענען דאָ צייטן וואָס זענען מרוצה איבער'ן יאָר, ווי צום ביישפיל, די 'עשרת ימי תשובה' צווישן ראש השנה און יום כיפור. און אויף דעם זאָגט די גמרא אין ערשטן פרק פון מסכת ברכות, 'לעולם יהא זהיר בתפילת המנחה' - דער מענטש זאָל זיין געהיטן צו דאַווענען תפילת מנחה, ווייל אליהו איז געענטפערט געוואָרן נאָר ווען ער האָט געדאַווענט מנחה... און דאָס וואָס מיר פירן זיך צו עס זאָגן דווקא אין שבת, און נישט אין די ימים טובים, איז דערפאַר ווייל שבת איז אַ טאָג ווען דער מענטש רוהט פון אַלע אַרבעט, און אפילו פון 'מלאכת אוכל נפש', און די צייטן ווען דער מענטש האָט מנוחה זענען אָנגעגרייט צו פאַרברענגען מיט נאַרישקייטן, און דעמאָלס זענען דאָ אַסאַך מענטשן וואָס טרינקען וויין און פאַרברענגען מיט רעדן נאַרישקייטן, און זינגען ניגונים וואָס עס זינגען די מענטשן וואָס טרינקען. **דעמאָלס ווען מענטשן פאַרברענגען די צייט מיט נאַרישקייטן, און דער מענטש טוט זיך אָפּשיידן פון זיי צו זיין צוריקגעהאַלטן נאָר צו דעם אויבערשטען, און מתפלל זיין און עוסק זיין אין טוהן אַ מצוה, איז מער ראוי אַז זיין תפילה זאָל דעמאָלס אָנגענומען ווערן אין הימל.** דייקא דעמאָלס איז אַן 'עת רצון' פאַר דעם אויבערשטען, אַז דער מענטש זאָל דעמאָלס מתפלל זיין: 'ואני תפילתי לך ה' עת רצון' וגו'.

לענינינו, קומט אויס פון די ווערטער פונעם רשב"א, אַז **נישט נאָר ביי תפילת מנחה פון שבת, נאָר יעדעס מאָל ווען אַ מענטש זעהט 'קיפקעס' פון מענטשן שטייען און שמועסן... און ער טיילט זיך אָפּ פון זיי און גייט מתפלל זיין אָדער טוהן אַ מצוה פאַר דעם אויבערשטען, איז ער מער ראוי אַז זיין תפילה זאָל אָנגענומען ווערן.**

**קחו מאתכם - די חשיבות פון אַ איד, ווען ער פאַרמעסט זיך מיט שווערע נסיונות**

**זה הדבר אשר צוה ה' לאמור, קחו מאתכם תרומה לה' כל נדיב לבו יביאה את תרומת ה' וגו'** (ויקהל, לה, ד-ה).

**טייטשט** דער שינאַווער רב זי"ע, אין 'דברי יחזקאל', אַז דער פסוק קומט לערנען, 'קחו מאתכם תרומה לה'' - איר זאָלט ברענגען פון זיך 'תרומה' פאַר דעם אויבערשטען. וועט דער מענטש פרעגן, ווי אַזוי קען איך ברענגען 'פון זיך' אַ 'תרומה' פאַר דעם אויבערשטען? אויף דעם זאָגט דער פסוק: 'כל נדיב לבו'. דאָס מיינט, יעדע זאַך וואָס דער מענטש גליסט אין זיין האַרץ, דאָס אַליין זאָל ער ברענגען פאַר דעם אויבערשטען. דאָס איז די עיקר פון די 'תרומה' און דער רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, אַז דער מענטש זאָל 'אַוועקגעבן' פון זיך די זאַך וואָס ער גליסט דערצו אַממערסטן. ווען ער גליסט צו אַ געוויסע תאוה ח"ו, זאָל ער זיך צוריקהאַלטן דערפון דעם פאַר'ן אויבערשטען'ס וועגן, ווייל דער אויבערשטער האָט אַ גרויסן פאַרגעניגן און נחת רוח ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אויף זיין יצר הרע, און ספּעציעל אויב עס קומט איהם אָן שווער, און זיין האַרץ גליסט שטאַרק דערצו, אָבער ער שטאַרקט זיך און קעמפט קעגן זיין יצר הרע, פאַר'ן אויבערשטען'ס וועגן[ה].

---

**ה.** דער 'שפתי צדיק' ברענגט (פרשת ראה) אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט: די יונגעלייט בעטן מיך איך זאָל אָפּטוהן פון זיי אַלע תאוות. אבער, **אָן קיין תאוות, וועלן זיי חלילה זיין ווי אַ בהמה**, נאָר דאָס איז טאַקע די מעלה פון דעם מענטש, אַז וואָס מער ער טוט איינעמען זיין יצר הרע, איז ער זייער חשוב אין הימל. **אויך ווען ער טוט זיך צוריקהאַלטן פון אַ קליינע גליסטונג.**

אַ איד וואָס איז געווען גאָר אַ שיינער מאָלער, און איז רייך געוואָרן פון זיינע מאָלערייען, איז געוואָרן פויל צו קומען אין בית המדרש צום לערנען און דאַווענען. איינמאָל ווען ער איז געווען ביי זיין רבי'ן (איינע פון די מנהיגים פון היינטיגן דור), האָט דער רבי איהם געפרעגט אויב ער איז מקפיד צו דאַווענען בציבור און האָט אַ קביעות עתים לתורה צו לערנען שיעורים. האָט דער איד געענטפערט, אַז ניין. האָט דער רבי איהם געפרעגט פאַרוואָס ער קומט נישט לערנען שיעורים און דאַווענען בציבור, און דער מאָלער האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט זיין נידעריגן מצב, און ער איז זיכער ביי זיך אַז דער אויבערשטער נוטיגט זיך נישט אין די עבודה פון אַזאַ נידעריגע באַשעפעניש ווי ער איז, בפרט אַז דער אויבערשטער האָט דאָך פילע צענדליגער טויזנטער מלאכים אין הימל וואָס טוהען אייביג זיין רצון, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (דניאל ז, י) 'אלף אלפין ישמשוניה ורבו רבבן קדמוהי', אַזוי אַז עס קומט אויס אַז זיין עבודה איז נישט וויכטיג פאַר דעם אויבערשטען: 'לא מעלה ולא מוריד'...

וועלנדיג אויפקלערן פאַר דעם פשוט'ן מאָלער, ווי וויכטיג ס'איז די עבודת התפילה און לימוד התורה פון יעדן איד, האָט דער צדיק זיך אַריינגעלאָזט מיט איהם אין אַ שמועס איבער זיינע מאָלערייען. ער האָט איהם געפרעגט, וויפיל געלט האָט ער פאַרדינט ביים פאַרקויפן די טייערסטע מאָלעריי וואָס ער האָט ווען עס איז אַמאָל געמאָלן? האָט דער איד געטראַכט אַ מינוט, און ער האָט זיך דערמאַנט פון אַ וואונדערליכע מאָלעריי וואו ער האָט געמאָלן דעם אונטערגאַנג פון דער זון, מיט גרויס פאַכמאַנשאַפט, אַז ער האָט פאַרדינט דערביי נישט ווייניגער ווי **פינף מיליאָן דאָלאַר** 'טבין ותקילין'...

האָט דער רבי זיך געוואונדערט: ווי אַזוי האָסטו געקענט פאַרקויפן איין בילד פאַר אַזאַ גרויסן סכום? האָט דער מאָלער זיך פאַרענטפערט זאָגנדיג, אַז ער האָט געאַרבעט אויף דער דאָזיגער מאָלעריי אין משך פון לאַנגע חדשים, און דערפאַר איז עס אַרויסגעקומען אויף אַ גאָר געלונגענעם אופן. דער צדיק האָט אָבער נישט אָנגענומען זיינע ווערטער, און איהם געפרעגט, וויפיל שעה'ן האָט דיר געדויערט צו מאָלן דאָס בילד? האָט ער געטראַכט עטליכע מינוט, און געענטפערט אַז עס האָט איהם געדויערט **טויזנט שעה** צו מאָלן דאָס בילד. האָט דער רבי זיך געוואונדערט, און געפרעגט:

- אפילו אויב מיר וועלן שוין אָננעמען אַז עס איז פאַסיג מ'זאָל דיר באַצאָלן אַן איבערגעטריבענע סומע פון 1,000 דאָלאַר פאַר אַ שעה אַרבעט, וועט דער פרייז פון די מאָלעריי נאָך אַלץ נישט איבערשטייגן דעם סכום פון אַ מיליאָן דאָלאַר אין סך-הכל. אויב אַזוי, ווי אַזוי האָסטו געקענט פאָדערן פאַר די מאָלעריי אַזאַ הויכן פרייז פון פינף מיליאָן דאָלאַר, וואָס איז פינפאַכיג מער ווי איר אמת'ער פרייז?

**ווייטער** אין דער פרשה (לה, כז) לייענען מיר: 'והנשאים הביאו את אבני השהם ואת אבני המילואים לאפוד ולחושן'. און די גמרא זאָגט (יומא כה.) אַז עס מיינט 'נשיאים ממש', דאָס הייסט, די וואָלקענס האָבן געברענגט די שהם-שטיינער און מילואים-שטיינער פון הימל.

לויט דעם, טייטשט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע (אָנהייב פרשת תרומה), דעם סדר ווי די תורה רעכנט אויס די נדבות פאַר'ן משכן אין פרשת תרומה. דער פסוק רעכנט אויס צוערשט דאָס מער חשוב'ע, און וועגן דעם שטייט (שמות כה, ג-ד) 'זהב וכסף ונחושת'. און דערנאָך 'ותכלת וארגמן ותולעת שני', און אַזוי ווייטער.

---

האָט דער מאָלער זיך פאַרענטפערט און געזאָגט, אַז מ'האָט איהם נישט געצאָלט פאַר די **שעה'ן** וואָס ער האָט געאַרבעט, נאָר פאַר דער וואונדערליכער **אַרבעט** פון דער מאָלעריי וואָס ער האָט געמאָלדן. די סיבה פאַרוואָס די מאָלעריי איז אַזוי טייער - האָט ער געזאָגט - איז, ווייל ער האָט זיך געדאַרפט **אָנשטרענגען מיט אַלע כוחות**, צו מאָלן דעם זון-אונטערגאַנג גענוי ווי עס זעהט אויס, און גלייכצייטיג דערמיט, צופאַסן דעם קאָליר פון די ים-כוואַליעס וואָס מ'זעהט אין יענע מינוטן פון די 'שקיעה', אַז מ'זאָל נישט קענען האָבן אַ טעות אַפילו אַ 'חוט השערה'. עס קען פאַסירן - האָט דער מאָלער צוגעגעבן - אַז צוליב אַ קליינעם טענות זאָל מען דאַרפן אַוועקוואַרפן אין מיסט די גאַנצע מאָלעריי, אַזוי אַז זיין גאַנצע האַרעוואַניע וועט גיין צוגרונד. צוליב דעם, ווען מ'ענדיגט די גאַנצע מאָלעריי מיט 'סוקסעס' און עס קומט אַרויס אַ שיין בילד, קאָסט עס אַ אַסאַך געלט.

## מן הבאר

דער 'קדושת לוי' זי"ע שרייבט (פרשת נח) אַז זיין רבי דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע, האָט געזאָגט, אַז **מיט יעדע התגברות וואָס אַ איד שטאַרקט זיך אויף זיין יצר הרע, טוט ער אויפנייען אַ 'קלייד' פאַר דעם אויבערשטען כביכול**, ווייל דער אויבערשטער טוט זיך באַרימען מיט די שטאַרקונג פון אַ איד קעגן זיין יצר הרע.

איינע פון די געהויבענע חסידים, האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פון טיפן האַרצן פאַר דעם הייליגן רבי'ן ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, אַז אַ צייט פריער האָט ער געהאַט אַ שווערן נסיון, און ער זיך ברוך השם געשטאַרקט דערויף מיט'ן באַשעפער'ס הילף, אָבער ביז אַ קורצע צייט איז ער ווידער געפּרובט געוואָרן מיט אַן אַנדערן נסיון, און ס'איז איהם שוין שווער אויסצוהאַלטן די אַלע נסיונות. האָט דער רבי ר' מענדעלע איהם אויסגעהערט רואיג, און דאַן האָט ער איהם געזאָגט:

- ווען דער מענטש שטאַרקט זיך אויף אַ נסיון, איז ער גורם אויפצונייען דערמיט אַ נייעם מלבוש פאַר דעם אויבערשטען כביכול, און דער אויבערשטער ברוך הוא טוט זיך אָן דעם דאָזיגן מלבוש [ווי די אויבן-דערמאַנטע ווערטער פונעם מעזריטשער מגיד]. נאָר וואָס דען, פונקט אַזוי ווי מיר זעהען ביי גשמיות'דיגע קליידער, אַז ווען מ'נוצט זיי צו-לאַנג, ווערן זיי קאַליע, דאָס זעלבע איז ביי די רוחניות'דיגע קליידער פונעם מענטש. **דעריבער טוט דער אויבערשטער כסדר אויספּרובירן די אידן וואָס האָבן איהם ליב, מיט פרישע נסיונות, כדי זיי זאָלן כסדר אָנגרייטן פאַר איהם נייע שיינע קליידער...**

ווען דער רבי האָט געהערט די הסבר פון דעם איד, האָט ער געזאָגט צו איהם:

- טאַקע דאָס, האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. די מלאכים אין הימל קענען נישט נכשל ווערן מיט זייער עבודה, און וועגן דעם, איז זייער 'מאָלעריי' ענליך צו אַ בילד וואָס אַ מענטש כאַפּט אָפּ מיט אַ 'קאַמערא' וואָס כאַפּט בילדער, וואָס איר ווערד איז נישט מער ווי עטליכע פּרוטות, ווייל דאָס בילד וועט דאָך אייביג אַרויסקומען גענוי און פאַרטיג, **אָבער די עבודה פון אַ איד, ווען ער פאַרמעסט זיך מיט שווערע נסיונות, איז פיל פיל מער חשוב ווי די עבודה פון די מלאכים, ווייל זיין יצר הרע קוקט אַרויס אויף די ערשטע געלעגנהייט ווען ער וועט איהם קענען שטרויכלען**, און אויב ער שטאַרקט זיך אויף דעם אַלעם און ער האָט נישט אַ 'טעות' אין זיין עבודה, איז ער אַזוי ווי יענער מאָלער וואָס מאָלט אַ וואונדערליכע מאָלעריי, און צוליב דעם טעם גופא, וויל דער אויבערשטער ענליך האָבן די עבודה פון אַ בשר ודם, מער ווי די עבודה פון די מלאכי השרת אין הימל.

אויב אַזוי איז שווער, פאַרוואָס ווערן דערמאנט די 'אבני שוהם' און 'אבני מילואים' צום לעצט? זיי זענען דאָך די טייערסטע נדבות?

**ענטפערט** דער 'אור החיים' הקדוש, לויט ווי דערמאנט, אַז די שטיינער פונעם 'חושן' און פונעם 'אפוד' זענען אָנגעקומען אין מדבר בדרך נס, דורך די וואָלקענס. קומט אויס אַז די אידן האָבן זיך נישט באַמיהט עס צו ברענגען פאַר'ן משכן, נאָר עס איז געקומען מיט די וואָלקענס, צוליב דעם זענען זיי דערמאנט געוואָרן צום סוף, ווייל אַן עבודה וואָס קומט אָן שווער, דער מענטש פלאָגט זיך דערויף, איז פיל חשוב'ער[ו] ביי דעם אויבערשטען[ז], אפילו אויב עס איז נישט ווערד אַזוי פיל געלט ווי אַן אַנדערע זאַך וואָס איז אָנגעקומען לייכט פאַר'ן מענטש עס צו טוהן!

---

**ו.** דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער פרשה (לה, יט) 'את בגדי השרד לשרת בקודש'. טייטשט רש"י (אין פרשת תרומה, לא, י) אַז עס איז פון לשון 'ארמי', אַזוי ווי דער תרגום פון וואָרט 'קלעים', און דער תרגום פון וואָרט 'מכבר', אַז זיי זענען געווען געוועבט מיט אַ נאָדל, און האָבן געהאַט **אַסאַך לעכער**.

קען מען זאָגן על דרך רמז, לויט אַ משל וואָס עס זאָגט דער 'חפץ חיים' זי"ע ('תורת הבית', פי"ג) אַ גרויסער קעניג האָט באַפוילן אַלע מענטשן אין זיין מלוכה זיך צוזאַמענצוקומען ביים ברעג טייך. ווען זיי זענען אָנגעקומען צום ברעג טייך, האָט מען זיי דערלאַנגט ליידיגע כלים און דער קעניג האָט זיי באַפוילן אָנצופילן די כלים מיט וואַסער פונעם טייך. ווען זיי האָבן אָנגעהויבן שעפּן וואַסער פונעם טייך, האָבן זיי געזעהן אַז די כלים זענען געלעכערט, און דאָס וואַסער רינט אַרויס פון די כלי פונקט אַזוי ווי עס איז אַריין דערין... האָבן די מענטשן אויפגעהערט שעפּן וואַסער פונעם טייך, און אַוועקגעלייגט די כלים אויף דער ערד, טראַכטנדיג, דער קעניג האָט אונז באַפוילן צו טוהן אַ זאַך וואָס ס'איז אוממעגליך פאַר אונז אויסצופירן...

ס'איז געווען איין-איינציגער מענטש וואָס האָט געטראַכט ביי זיך, איך דאַרף נישט נאָכקלערן דעם באַפעל פונעם קעניג. אויב דער קעניג האָט אונז געגעבן די געלעכערטע כלים, האָט ער אַוודאי געהאַט אַ געהיימען טעם דערביי. איך דאַרף נאָר ערפילן מיין אויפגאַבע ערליך און געטריי...

אין אָווענט, ווען דער קעניג איז געקומען צום טייך כדי צו זעהן די אַרבעט וואָס די מענטשן האָבן געטוהן, האָט ער זיי אַלע געזעהן זיצן און טוהן גאָרנישט, מיט'ן אויסנאַם פון איינעם, וואָס שטייט און שעפּט און שעפּט, וואַסער פונעם טייך. האָט דער קעניג איהם געפרעגט, פאַרוואָס שטייסטו אַליין און דו שעפּסט וואַסער, און די אַנדערע מענטשן זיצן און טוהן גאָרנישט. האָט ער געוויזן פאַר דעם קעניג אַז די כלים זענען געלעכערט, און דערפאַר האָבן אַלע אַרומיגע אויפגעהערט שעפּן פון דעם טייך, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען - האָט ער געזאָגט צום קעניג - אַז אויב דער קעניג האָט געהייסן אָנפילן די כלים, האָט ער אַוודאי אַ געהיימען טעם דערביי, און איך האָב ווייטער געטוהן מיין אויפגאַבע, צו ערפילן דיין שליחות. האָט דער קעניג איהם געזאָגט:

- אָט דאָס האָב איך טאַקע געמיינט. די דאָזיגע כלים זענען זייער חשוב ביי מיר, נאָר זיי זענען געווען פאַרשמירט, און איך האָב דעריבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, נאָר צו באַפעלן מ'זאָל זיי אויסוואַשן איינמאָל און נאָך אַמאָל, און זעה טאַקע די כלי וואָס דו האָסט עס אויסגעוואַשן, ווי ריין עס איז...

דער נמשל איז, **דער מענטש זעהט אָפט מאָל אַז עס קומען אויף איהם נסיונות פון אַלע ריכטונגען. אָט זעצט ער זיך לערנען, קומט באַלד דער יצר הרע און זוכט איהם צו שטערן פון לערנען, ביז ער קלערט שוין צו פאַרלאָזן דאָס בית המדרש, ווייל מסתמא נישט דאָס האָט דער אויבערשטער געמיינט ווען ער האָט באַפוילן אידן צו לערנען תורה... און אַזוי ביי אַלע מצוות, ביי תפילה, ביי מידות טובות, ביים אָפּהיטן די גדרי הקדושה, א.א.וו. זעהענדיג די פילע נסיונות, ווערט דער מענטש מיואש ח"ו, זאָגנדיג, דער אויבערשטער האָט אַוודאי נישט געמיינט אַזאַ 'געלעכערטע כלי' ווי איך בין.**

**דער אמת איז אָבער, אַז אָט דאָס ווילט דער אויבערשטער פונעם מענטש, אַז ער זאָל זיך באַמיען און פּרובירן מיט אַלע מעגליכקייטן איינמאָל און נאָך אַמאָל, און מיט דעם וועט ער דערגרייכן זיין תכלית.**

דאָס איז די כוונה פון רש"י ז"ל, אַז די 'בגדי השרד', וואָס זענען געוועזן געמאַכט 'לשרת בקודש', זענען געווען פול מיט לעכער: 'נקבים נקבים', ווייל **דייקא מיט די 'לעכער' קען מען דינען דעם אויבערשטען** ('לשרת בקודש'), ווייל דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נישט פון מענטשן 'שיינע קליידער' און 'גאַנצע כלים', נאָר די עצם יגיעה... אפילו אויב די קליידער אָדער די כלים זענען 'געלעכערט'...

**כל נדיב לבו - דער עיקר איז די רצון און השתוקקות פון הארץ**

**מיר** לערנען אין דער היינטיגער פרשה (לה, כא-כז) וועגן די נדבות וואס די אידן האבן געברענגט צו בויען דעם משכן. טייל פון זיי האבן געברענגט גאלד, תכלת, ארגמן וכו', טייל האבן געברענגט זילבער און קופער וכו', און די נשיאים האבן געברענגט די שוהם-שטיינער.

**צום** סוף זאגט דער פסוק (פסוק כט) 'כל איש ואשה אשר נדב לבם אותם להביא לכל המלאכה אשר ציוה ה' לעשות ביד משה הביאו בני ישראל'. דער פסוק שרייבט אבער נישט ארויס וואס דער דאזיגער פסוק קומט מרבה זיין, און וואס ער איז מחדש, נאך דעם ווי עס ווערט שוין געשילדערט דער גאנצער סדר פון ברענגען די תרומה.

---

אויף אן אנדערן וועג, קען מען טייטשן די ווערטער פון רש"י אז די 'בגדי השרד' זענען געווען געמאכט 'נקבים נקבים' - געלעכערט, לויט ווי מ'דערציילט, אז אמאל האט עמיצער גע'גנב'עט דעם טלית און תפילין פון דעם משמש פון הייליגן ראפשיצער רב זי"ע. איז דער משמש געקומען זיך אפרעדן פאר דעם ראפשיצער רב אז מ'האט ביי איהם צוגע'גנב'עט די טלית און תפילין. האט דער ראפשיצער רב איהם געזאגט, כדרכו בקודש, מיט א ווערטל:

- מה כל הרעש? די תפילין זענען דאך נישט דיינע, נאר איין פאר איז פון **'רש"י'**, און דער צווייטער פאר איז פון **'רבינו תם'**... דער טלית איז דאך א **'טערקישער** טלית' - פון דעם לאנד טערקיי... און אויך דער 'סידור' איז נישט געווען דיינער, נאר א **'באַרדיטשעווער** סידור'. אויב אזוי, וואס איז דארט געווען 'דיינס', אז מ'האט עס פון דיר גע'גנב'עט?... נאר דער 'טלית-בייטל', האט באלאנגט צו דיר... אבער דאס איז דאך סיי ווי געווען צעריסן און אדורכגעלעכערט... נו, צוליב א געלעכערטן 'טלית-בייטל', איז כדאי אזוי צו קלאגן?...

קען מען זאגן א רמז אין די מעשה פונעם ראפשיצער רב זי"ע, די תורה און מעשים טובים וואס דער מענטש איז מקיים, זענען דאך סיי-ווי נישט זיינס, ווייל ער טוט עס דאך ווייל אזוי איז ער ערצויגן געווארן פון זיינע עלטערן און רבי'ס... [בכלל, זאגן חז"ל (ויק"ר פכ"ז, ב) אז דער גאנצער קיום המצוות וואס אידן טוהן, איז נאר א מתנה פון דעם אויבערשטען, ווייל 'מי מל את בנו עד שלא נתתי לו בן זכר' - ווער האט דען גע'מל'עט פאר מיר זיין זון, איידער איך האב איהם געגעבן דאס קינד, און אזוי ווייטער]. **וואס איז יא דאס אייגנטום פונעם מענטש?** איז דער תירוץ, נאר **די 'לעכער'!**. דאס הייסט, **ווען דער מענטש האט א שווערן נסיון, און ער שטארקט זיך אויף דעם נסיון, איז דער נסיון עפעס וואס געהערט צו איהם. עס איז זיין 'קנין', און עס ווערט אנגערופן אויף זיין נאמען...**

מ'קען צולייגן בדרך מליצה, אז וועגן דעם פירט זיך די וועלט אז מ'שרייבט אויף דעם נאמען אויפ'ן תפילין-בייטל, אדער אויפ'ן טלית-בייטל, מרמז צו זיין, אז דאס איז באמת שייך צום מענטש...

נאך מער קען מען זאגן, אז דאס איז דער קנין פונעם מענטש אליין - די עצם אנערקענונג אז אלעס וואס ער פארמאגט איז א מתנה פון דעם אויבערשטען, און אז ער אליין פאר זיך, איז גארנישט. דאס איז דער רמז אין די הייליגע ווערטער פונעם ראפשיצער רב זי"ע, וואס ער האט געזאגט אז דאס 'בייטל' איז סיי-ווי 'געלעכערט'. דאס מיינט, אפילו אויב אלע כלים און די מצוות וואס דער מענטש האט זענען פון דעם אויבערשטען, קען ער אבער אליין זוכה זיין צו די 'לעכער אינעם בייטל', דורך דעם וואס ער האלט זיך קליין, ווייל דאס באלאנגט באמת צו דעם מענטש.

דאס איז מעגליך דער רמז אין די ווערטער פון רש"י אז די 'בגדי השרד' זענען געווען 'געלעכערט', ווייל די 'בגדי השרד' זענען דאך א רמז אויף דעם מענטש וואס זיינע קליידער - דאס הייסט, דאס 'בייטל' פון זיין נשמה - איז פול מיט 'לעכער'. דאס מיינט, אז **ער אנערקענט און פארשטייט זיין אייגענע שפלות**, און דאס איז גורם 'לשרת בקודש' - ער זאל קענען דינען דעם באשעפער, און **דאס איז אן עבודה וואס ווערט נתייחס צו איהם, ווייל דאס איז 'זיין' עבודה, מיט וועלכע ער קען זוכה זיין 'לשרת בקודש'.**

**ז.** רש"י (שמות כה, ז) זאגט א טעם פארוואס די שטיינער זענען גערופן געווארן מיט'ן נאמען 'אבני מילואים', וויבאלד מ'האט אריינגעזעצט אין דעם גאלד א גריבל און דארט האט מען אריינגעלייגט דעם שטיין, ווערט עס אנגערופן 'אבני מילואים'. באמת, איז דאך פשוט אז די 'שטיינער' זענען געווען טייערער ווי דאס גאלד וואס האט זיי ארומגענומען, אבער פון פסוק איז לכאורה משמע פארקערט, אז דער עיקר איז דאס גאלד, און די שטיינער דינען נאר מיט'ן ציל אנצופילן די שטיינער (זיי פארשטאפן לעכער...). איז שווער, אדרבה, די שטיינער זענען דאך געווען דער עיקר שיינקייט פונעם אפוד און פונעם חושן. דאס גאלד האט נאר געהאט דעם צוועק ארומצונעמען די שטיינער.

**זאָגט** דער 'ש"ך על התורה', אין נאָמען פון זיין רבי'ן, אַז עס זענען געווען אידן וואָס האָבן געגליסט מיט'ן גאַנצן האַרץ צו ברענגען פון זייער געלט די גאַנצע מלאכת המשכן, אבער זיי האָבן געהאַט ביי זיך נאָר בלויע וואָל אָדער פערפל וואָל א.ד.ג., און דער אויבערשטער, דער 'בוחן כליות ולב', האָט געזעהן זייער רצון און ער האָט עס גערעכענט פאַר זיי גליך ווי זיי וואָלטן אַלעס בייגעשטייערט פאַר'ן משכן.

**דאָס** האָט דער אויבערשטער באַפוילן פאַר משה רבינו ע"ה, צו שרייבן אין די תורה 'כל איש ואשה אשר נדב לבם אותם להביא לכל המלאכה'. דאָס מיינט, אַז זיי האָבן געהאַט אַ השתוקקות צו ברענגען די אַרבעט פאַר דעם משכן, וועל איך עס זיי רעכענען גלייך ווי זיי האָבן געברענגט אַלעס וואָס די אידן האָבן געברענגט - 'הביאו בני ישראל'.

**דער** 'חתם סופר' ('תורת משה', פ' תרומה, ד"ה אשר ידבנו'), זאָגט אויפ'ן פסוק (שמות כה, ב) 'מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי'. שרייבט דער 'חתם סופר', אַז דער פסוק איז מרמז, אַז דער מענטש וואָס האָט אַ נדיבות הלב צו געבן אָבער ער האָט נישט גענוג געלט צו געבן. צום ביישפיל, די נשיאים, וואָס האָבן געוואָלט מיט זייער ברייטהאַרציגקייט געבן די 'שהם' שטיינער און די 'מילואים' שטיינער, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט פון וואו עס צו נעמען, האָט דער אויבערשטער עס צוגעשיקט פאַר זיי דורך די וואָלקענס ווען זיי האָבן געקליבן דעם 'מן'.

**'מאת** כל איש אשר ידבנו לבו' - ער וויל אבער ער קען נישט געבן, אויך פון אַזאַ איינעם: 'תקחו את תרומתי', וויל איך וועל איהם צושטעלן ער זאָל האָבן, אַדאַנק זיין רצון. [כאָטש לויט ווי די מפרשים

---

איז דער תירוץ, אַז דאָס חשיבות מעסט זיך נישט לויט וויפיל אַ חפץ איז ווערד, און לויט'ן פרייז ווי עס ווערט פאַרקויפט אויפ'ן מאַרק, נאָר **אַלעס ווענדעט זיך ווי שווער ס'איז אָנגעקומען עס צו געבן.** דעריבער, די 'שטיינער', וואָס זענען געקומען מיט די הילף פון די וואָלקענס, און זענען נישט געווען פאַרבונדן מיט שוועריגקייטן, זענען ווייניגער חשוב ווי דאָס גאָלד וואָס מ'האָט געדאַרפט ברענגען אַליין.

דאָס איז אַ לימוד פאַר יעדן איינעם פון אונז, **ווי חשוב ס'איז ביי דעם איבערשטען יעדע מצוה און יעדע התגברות אויפ'ן יצר וואָס ווערט געטוהן דורכ'ן מענטש ווען ער איז מקריב זיין 'בלוט און פעטס' כדי צו טוהן דעם רצון פון דעם אויבערשטען...**

די גמרא דערציילט (יומא לח.) אַז ווען ניקנור איז געגאַנגען קיין אלכסנדריא אין מצרים, צו ברענגען פון דאָרט טירן פאַר די טויערן פונעם בית המקדש, האָט אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער שטורעם אויפ'ן ים און האָט געדראָט איינצוזינקען די שיף. האָבן די מאַטראָזן פון די שיף גענומען איינע פון די טירן און עס אַריינגעוואָרפן אין ים, כדי די שיף זאָל ווערן לייכטער. דער שטורעם האָט זיך אָבער נאָך אַלץ נישט באַרואיגט. האָבן די מאַטראָזן געוואָלט אַריינוואַרפן אויך אַ צווייטע טיר אין ים אַריין, האָט ניקנור זיך אָנגעכאַפּט אין די טיר און געזאָגט: 'וואַרפט מיך אַריין אין ים צוזאַמען מיט די טיר'. דאַן האָט דער ים זיך באַרואיגט, און ניקנור האָט געהאַט גרויס צער אויף די ערשטע טיר וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין ים. ווען ער איז אָנגעקומען צום פּאָרט פון עכו אין ארץ ישראל, האָט די טיר אַרויפגעשוואומען פון אונטער די שיף. זאָגט דאָרט די גמרא, אַז צוליב דעם, ווען די אידן זענען געוואָרן רייכער האָבן זיי געטוישט אַלע טויערן אין בית המקדש וואָס זענען געווען געמאַכט פון קופּער, צו טירן פון גאָלד און נאָר די טויערן פון ניקנור זענען געבליבן אַזוי ווי פריער.

זאָגן די ספרים אַ טעם דערפאַר, לכאורה, וואָס פאַר אַ חשיבות האָט גאָלד ביי דעם אויבערשטען מער ווי אַנדערע זאַכן? מיר ווייסן דאָך אַז 'לה' הארץ ומלואה תבל ויושבי בה' - די גאַנצע וועלט באַלאַנגט צו דעם אויבערשטען, און ביי דעם אויבערשטען איז נישטאָ אַ חילוק צווישן גאָלד און זאַמד פון דער ערד. דער גאַנצער חילוק צווישן גאָלד און אַנדערע זאַכן איז, ווייל גאָלד איז חשוב אין די אויגן פון מענטשן, צוליב די זעלטנקייט דערפון. ממילא, ווען אַ מענטש טוט ביישטייערן גאָלד, האָט עס אַ חשיבות ווייל ער האָט זיך געפלאָגט און באַמיט צו ביישטייערן אַ זאַך וואָס איז זייער חשוב און טייער ביי איהם. ממילא, איז די יעניגע טויערן וואָס זענען אָנגעקומען אין בית המקדש מיט די מסירות נפש פון ניקנור, כפשוטו ממש, זענען חשוב, און זענען דאָס 'טייערסטע גאָלד'... **ווייל ס'איז נישט דאָ אַ זאַך וואָס איז גרעסער ווי דאָס וואָס מ'האָט 'באַצאָלט' דערפאַר מיט מסירות נפש!**

לערנען פשוט פשט, האָבן די נשיאים זיך געפוילט צו ברענגען זייער נדבה צום משכן, איז דער 'חתם סופר' מחדש, אַז אדרבה, צוליב זייער גרויסע השתוקקות האָט דער אויבערשטער זיי צוגעשטעלט פון הימל דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקענט ברענגען מיט זייערע אייגענע כוחות[ה].]

---

**ח.** אַ וואונדערליכע מעשה, ווערט דערציילט אין מדרש (ויק"ר פ' שמיני, יב, א), אַ מענטש האָט געטרינקען אַסאַך ווײַן, ביז ער האָט געווען געצוואונגען צו פאַרקויפן די מעבל פון זיין הויז, כדי צו קענען קויפן ווײַן און בראַנפן צו טרינקען. ווען זיינע קינדער האָבן געזעהן ווי ער פאַרקויפט אַלעס פאַר'ן 'ביטערן טראָפּ', האָבן זיי מורא באַקומען אַז ער וועט זיי גאָרנישט איבערלאָזן בירושה... האָבן זיי זיך אַן עצה געגעבן, זיי האָבן אָנגעטרינקען דעם טאַטן אַזוי ווי לוט, און דאַן האָבן זיי איהם גענומען און איבערגעלאָזט אויפ'ן בית החיים, כדי ער זאָל זיך דאָרט אויסניכטערן פון זיין שיכרות, און ווען ער וועט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף וועט ער נישט וויסן ווער עס האָט איהם אַהין געברענגט, און אַזוי וועט ער חרטה האָבן אויף זיין איבערגעטריבענע מאָס פון טרינקען ווײַן.

וואָס האָט דער אויבערשטער געטוהן? ער האָט געשיקט נעבן דעם בית עלמין עטליכע ווײַן-סחורים מיט אייזלען אָנגעלאָדנט מיט ווײַן. פלוצלינג האָבן די סוחרים אָבער געהערט אַ קול פון אַ מלחמה, האָבן זיי איבערגעלאָזט די אייזלען אויפ'ן בית עלמין, און זענען אַנטלאָפן פון דאָרט 'כל עוד נשמתם באפם', און אינצווישן איז דער שיכור'ער פאָטער געשלאָפן אַ זיסן שלאָף... ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט, האָט ער געזעהן פאַר זיך אַ פלעשל ווײַן. ער האָט נישט געטראַכט צופיל ווער עס האָט דאָרט אַוועקגעלייגט דעם ווײַן, נאָר ער איז אויפגעשטאַנען, געעפענט דאָס פלעשל, און זיך צוריקגעלייגט מיט'ן פלעשל אין מויל, וואָס האָט גערינען טראָפּענס טראָפּענס, אָן קיין שום טירחא...

נאָך דריי טעג, האָבן די קינדער זיך באַרעכנט, אַזוי טוט מען דען מיט אַ טאַטן? איבערצולאָזן אַזוי ליגן אין אַ בית החיים... זענען זיי שנעל אַריבערגעאַנגען צום בית החיים, און ווי דערשראָקן זענען זיי געוואָרן זעהענדיג ווי זייער פאָטער ליגט און טרינקט... און טרינקט... האָבן די קינדער געזאָגט: 'ווי עס ווייזט אויס, האָט דער אויבערשטער דיך נישט פאַרלאָזט אויך דאָ, אויפ'ן בית עלמין'... האָבן זיי געמאַכט צווישן זיך אַ תקנה, אַז פון דאַן און ווייטער, וועט איינער פון די קינדער יעדן טאָג אָנטרינקען דעם טאַטן מיט ווײַן.

פון די מעשה לערנען מיר ווי ווייט עס דערגרייכט **דער כח פון רצון.** מ'זעהט דאָך די וואונדערליכע ניסים וואָס האָבן פאַסירט מיט יענעם שיכור, וואָס לויט ווי עס ווייזט אויס פון די ווערטער פון מדרש, איז ער נישט געווען באַקאַנט אַלס איינע פון די 'צדיקי הדור'... אָבער פון הימל האָט מען צוגעפּירט אַז די ווײַן-סוחרים זאָלן הערן דאָס קול פון אַ מלחמה, און האָבן פון גרויס פּחד איבערגעלאָזט זייערע פעסער ווײַן מיט די אייזלען אויפ'ן בית עלמין. איז דאָך אַ 'קל וחומר', אַז דער אויבערשטער האַלט נישט צוריק קיין גוטס פון אַלע וואָס ווילן גיין אויפ'ן גוטן און ערליכן וועג.

ממילא, דאַרף דער מענטש וואָס שפּירט ביי זיך אַז ער איז נישט מצליח אין עבודת השם, ער פאַלט כסדר א.ד.ג., זאָל ער וויסן אַז **דער עיקר איז דער אמת'ער רצון, און אויב ער וועט האָבן השתוקקות מיט אַן אמת, און ער וועט וועלן דינען דעם אויבערשטען, וועט ער זעהן 'מופתים' ווי מ'וועט איהם העלפן פון הימל, צו קענען דינען דעם אויבערשטען.**

אגב, איינע פון די צדיקים האָט אַרויסגעלערנט פון דעם דערמאַנטן מדרש, אַז קינדער דאַרפן נישט זוכן 'מחנך' צו זיין זייער טאַטן, ווייל זעה וואָס עס האָט צום סוף פאַסירט. אדרבה ואדרבה, דער טאַטע האָט נאָך מער געטרינקען, ווייל פון הימל האָט מען איהם געהאָלפן דערצו.

דער גאון רבי מאיר שפּירא זצ"ל איז אַמאָל, ביי איינע פון זיינע רייזעס לטובת זיין לעגענדאַרע ישיבה 'חכמי לובלין', אָנגעקומען אין אַ שטעטל, וואו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט די רבנים און מנהיגים פון די קהילה אין שטאָט, און מ'האָט באַשטימט וועגן יעדן איינעם, וויפיל געלט ער קען געבן פאַר די ישיבה.

צווישן דעם עולם, איז געווען איין איד וואָס האָט אַראָפּגעלייגט אויפ'ן טיש פינף הונדערט זלאָטעס. האָט רבי מאיר שפּירא געקוקט אין די ליסטע וואָס ער האָט געהאַט פון די שטאָט-לייט, און געזאָגט צו דעם איד: כ'וועל נעמען פון דיר נאָר 300 זלאָטעס, נישט 500, ווייל די ראשי הקהל האָבן אָפּגעשאַצט דיינע מעגליכקייטן צו געבן, אַז דו ביז אימשטאַנד בייצושטייערן נאָר 300 זלאָטעס... נעם, אַלזאָ, צוריק 200 זלאָטעס. האָט דער איד געענטפערט:

**פרה אדומה - אויך ווען די שכל פאַרשטייט אַנדערש, פאָלג איך די תורה הק'**

**די** פרשה פון פרה אדומה, וואָס מיר וועלן אי"ה לייענען היינטיגן שבת צו 'מפטיר', פאַנגט זיך אָן מיט'ן פסוק (במדבר יט, ב) 'זאת חוקת התורה אשר צוה ה' לאמור'.

**זאָגט** דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, אַז דער פסוק זאָגט, 'זאת חוקת התורה' - נישט 'זאת חוקת הפרה' - צו לערנען, אַז אויב די אידן וועלן מקיים זיין די מצוה פון פרה אדומה, כאָטש עס איז אַ 'חוקה', אָן אַ קלאָרן טעם פאַר די מצוה, וועט פאַר זיי גערעכנט ווערן גלייך ווי זיי האָבן מקיים געווען די גאַנצע תורה, ווייל ווען מ'איז מקיים אַ מצוה כאָטש מ'ווייסט נישט דעם טעם דערפון, ווייזט עס אַז דער מענטש האָט אמונה מקיים צו זיין אַלע מצוות פון די תורה, און ס'איז מעגליך אַז טאַקע צוליב דעם טעם, האָט דער אויבערשטער געוואָלט אַז די מצוה זאָל געגעבן ווערן צו די אידן אויף אַן אופן פון אַ 'חוקה'[ט].

---

- די ראשי הקהל האָבן טאַקע געשאַצט מיינע מעגליכקייטן, **אָבער זיי האָבן נישט געשאַצט מיין האַרץ...**

רבי מאיר שפירא האָט אַ לאַנגע צייט שפּעטער, שטאַרק געלויבט דעם ענטפער פון דעם איד, און ער האָט עס כסדר איבערגע'חזר'ט ביי זיינע רייזעס, אַז מ'דאַרף שאַצן דאָס האַרץ, און נישט נאָר דאָס בייטל...

לענינינו, **קיינער זאָל נישט אָפּשאַצן זיין 'בייטל' און זיינע מעגליכקייטן, נאָר זיין האַרץ... אויב ער וועט בעטן דעם אויבערשטען מיט ערנסטקייט, 'יחד לבבי ליראה את שמך', וועט ער זעהן אַז ער איז יאָ בכח זיך צו הייליגן העכער פון זיינע מעגליכקייטן, און דער אויבערשטער וועט ערפילן אַלע זיינע בקשות לטובה ולברכה.**

## מן הבאר

אַ איד וואָס איז נעבעך אַריינגעכאַפּט געוואָרן צום 'ביטערן טראָפּן', איז אַמאָל אָפּגעשעטעלט געוואָרן פון זיינע חברים אַ סעקונדע פאַר'ן טרינקען, ווען דער פלאַש בראָנפן האָט זיך נאָך געפונען אין זיין רעכטע האַנט און דער שטאָפּער אין די לינקע האַנט. זיי האָבן זיך געבעטן ביי איהם, ער זאָל אויפהערן שיכור'ן. זיי האָבן איהם אויך פּרובירט ערקלערן ווי אַזוי ער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע פרנסה און אפילו צעשמעטערט זיין אייגענעם 'שלום בית', 'אַדאַנק' זיין טרינקען, און אַלע זיינע נאָנטע האָבן זיך צוליב דעם דערווייטערט פון איהם... האָט דער שיכור זיי געענטפערט:

- איר זעהט דאָס פלעשל 'זעקס און ניינציגער', וואָס איך האַלט אין האַנט? עס זענען טאַקע דאָ 'זעקס און ניינציג' סיבות פאַרוואָס איך דאַרף אָפּשטעלן מיין טרינקען, אָבער וואָס זאָל איך אייך זאָגן? דער 'טעם' פון דעם פלעשל 'זעקס און ניינציגער' וועגט איבער אַלע אייערע 'טעמים'...

דער נמשל איז, אָפט מאָל דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ס'איז גוט פאַר איהם צו טוהן אַ געוויסע זאַך, אָבער אויב ער וועט זעהן אַז עס איז נישט אויסגעהאַלטן על פי תורה, אויך אויב עס זעהט אויס אין זיינע אויגן אַז ער וועט האָבן אַ גרויסן תועלת דערפון, וועט ער אַוועקשטעלן פאַר זיך אַ מויער, און ער וועט שרייען צו זיך: דאָס איז נישט דער וועג, נאָר מ'דאַרף נאָכגיין נאָכ'ן באַשעפער, ווי אַ 'חק', אָן אַ טעם.

דאָס איז די כוונה אין די ווערטער פון חז"ל (כריתות ו.) **'ולמה אין מערבין בה דבש, מפני שהתורה אמרה**, כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו' וגו'. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס פונקט ביי קטורת, האָבן חז"ל געפרעגט אַ טעם: 'ולמה' - 'פאַרוואָס'? און זיי האָבן געענטפערט, 'מפני שהתורה אמרה'. פאַרוואָס פרעגט מען נישט - צום ביישפיל - ביי הלכות שבת: 'ולמה אין מדליקין האש בשבת... מפני שהתורה אמרה'?

איז דער תירוץ, ווייל דער קטורת האָט דאָך געהאַט דעם ציל אַרויסצוגעבן אַ ריח, און ממילא איז דאָ אַן אָרט צו זאָגן אַז מ'זאָל צוגיסן האָניג צום קטורת, כדי עס זאָל האָבן נאָך אַ בעסערן ריח, און אַזוי וועלן מיר מקיים זיין דעם רצון פון באַשעפער מיט מער הידור. אויף דעם ענטפערן חז"ל, **'מפני שהתורה אמרה'** - דאָס הייסט, **אויך ווען עס דאַכט זיך דיר אַז דו טוסט אַרויסהעלפן דעם קיום התורה, אָבער אויב די תורה זאָגט אָן קלאָר אַז דו זאָלסט עס נישט טוהן, דאַרפסטו נאָכגיין נאָך די תורה ווי אַ 'חק', אָן אַ טעם און סיבה. דו זאָלסט נישט גיין נאָך דיין שכל, וואָס 'פאַרשטייט' אַז אַזוי אַזוי איז בעסער צו טוהן...**

---

**ט.** איינע פון די צדיקים האָט אַמאָל געוואָלט פאַרברענגען אַ שבת ביי הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע, און ער האָט פריער איהם געלאָזט וויסן וועגן דעם.

**דאָס** איז נוגע אין לעבן בכלל, אַז דער מענטש זאָל גיין נאָך דעם אויבערשטען אַזוי ווי אַ קליין קינד וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיין טאַטן אויף יעדן טריט און שריט, אָן חשבונות און טעמים, און ער זאָל גלייבן אַז דער אויבערשטער ברוך הוא איז דער 'בורא ומנהיג, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים' - לטובה ולברכה'.

**צוליב** דעם איז די מצוה פון פרה אדומה געגעבן געוואָרן אַלס אַ 'חק', אָן אַ טעם, ווי רש"י שרייבט (פון די גמרא, יומא סז:): 'לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר, מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חוקה, גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה'.

---

דער קאָברינער האָט אָבער נישט מסכים געווען אַז יענער צדיק זאָל קומען צו איהם אויף שבת, זאָגנדיג, אַז שבת קודש איז אַ 'יחוד', און צווישן אונז איז דאָ אַ 'פירוד', ווייל ווען עס קומט צו מיר אַ איד און ער גיסט זיך אויס דאָס האַרץ איבער די צרות ל"ע וואָס ער ליידט ליידער, טוה איך איינוואָרצלען אין איהם אמונה און יראת שמים, און ממילא, האָט ער שוין אַן עצה פאַר אַלע זיינע פּראָבלעמען. אָבער איר, ווען עס קומט צו אייך אַ איד און ער רעדט זיך אָפּ איבער זיינע פּראָבלעמען, גיט איר איהם אַן עצה על-פי שכל ווי אַזוי אַרויסצוקריכן דערפון, און 'שכל' האָט נישט קיין קיום. האָט יענער צדיק געזאָגט: 'ער זאָל אַזוי געזונט זיין, ווי ער איז גערעכט'... (שפּעטער, זענען זיי געוואָרן ידידים נאמנים).

**י.** אַ געוויסער נידריגער פּאַרשוין, וועלכער האָט ליידער אָנגעמאַכט אַסאַך צרות פאַר אידן. ביי יעדע געלעגנהייט, האָט ער זיי 'גע'מסר'ט' ביי די פּאָליציי מיט כל-ערליי בלבולים. אין אַ טאָג, איז ער קראַנק געוואָרן ל"ע, און ווען ער האָט שוין געהאַלטן כמעט ביי 'גסיסה' האָט ער געשיקט רופן די חברה קדישא. דער שליח האָט זיך זייער געוואונדערט פאַרוואָס ער רופט זיי אַריבער צו זיך, ווייל ער איז דאָך געווען אַ רשע גמור און אַ כופר בעיקר רח"ל, וואָס האָט מסתמא נישט געגלייבט אויך אין דעם ענין פון 'השארת הנפש', און אין 'שכר ועונש'. די חברה קדישא איז אָבער געגאַנגען צו זיין הויז, טראַכטנדיג, ס'איז דאָך מעגליך אַז ליגנדיג אויפ'ן בעט רח"ל איז איהם אַריין אַ הרהור תשובה.

ווען די חברה קדישא לייט זענען אָנגעקומען, האָט ער זיך טאַקע אויסגעוויינט פאַר זיי, אַז ער האָט זיין גאַנץ לעבן ליידער געזינדיגט אויף אַ שרעקליכן אופן און ער וויל תשובה טוהן אויף זיינע חטאים, דעריבער בעט ער, מ'זאָל איהם באַגראָבן מיט אַ 'קבורת חמור' (אַזוי ווי מ'באַגראָבט אַן אייזל), שטייענדיג, נישט ליגנדיג. אויך זאָל מען איהם לייגן אינדרויסן פונעם גדר פונעם בית החיים, כדי ער זאָל פאַרשעמט ווערן, און אפשר וועט עס זיין אַ כפרה אויף זיינע זינד. עטליכע שעה שפּעטער, איז ער אַוועק פון דער וועלט.

די חברה קדישא האָבן זיך געפונען אין אַ קלעם, נישט וויסנדיג וואָס צו טוהן. האָבן זיי אָנגעפרעגט דעם גאון און פוסק רבי משה פיינשטיין זצ"ל, דערציילנדיג פונקטליך אַז זיי האָבן געזעהן מיט זייערע אויגן ווי דער רשע האָט תשובה געטוהן אין לעצטן טאָג און בעטן אַז מ'זאָל איהם באַגראָבן מיט אַ 'קבורת חמור', כדי עס זאָל זיין אַ כפרה אויף זיינע עבירות. ווילן זיי אַלזאָ וויסן וואָס צו טוהן, פון איין זייט, ווייסן מיר דאָך אַז 'מצוה לקיים דברי המת' (גיטין טו.), פון דער אַנדערער זייט, אָבער, האָט די תורה גע'אסר'ט צו באַגראָבן אַ מענטש שטייענדיג, ווי אַן אייזל (שולחן ערוך יורה דעה סי' שס"ב ס"ב, ש"ך סק"ב).

האָט דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל זיי געענטפערט, אַז זיי זאָלן נישט אויספאָלגן די בקשה פון דעם מסור, ווייל דער קערפּער פון אַ איד איז נישט זיין פאַרמעגן, און **אויך ער איז מחויב מקיים צו זיין אַלע דינים פון שולחן ערוך**, און ממילא, דאַרף מען איהם באַגראָבן כדת משה וישראל, ווי יעדן איד, און אַזוי האָבן זיי געטוהן.

אַ טאָג נאָך די לוי', זענען געקומען פּאָליציאַנטן צו די חברה קדישא און זיי געזאָגט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ ידיעה פון 'באַגלייבטע פּלעצער', אַז ביי די לויה וואָס איז פאָרגעקומען אַ טאָג פריער, האָט מען באַגראָבן דעם געשטאָרבענעם אויף אַ שענדליכן אופן כדי נקמה צו נעמען אין איהם פאַר אַלעם וואָס ער האָט געטוהן ביי זיין לעבן. די חברה קדישא האָט אַלעס געלייקנט, אָבער די פּאָליציי האָט זיי נישט געגלייבט, ביז מ'האָט געעפענט דעם קבר און אַלע האָבן געזעהן אַז מ'האָט איהם באַגראָבן ווי עס פאַרלאַנגט די הלכה.

דאַן האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווי אמת עס זענען די ווערטער פון חז"ל (עירובין יט.) אַז די רשעים טוהען נישט תשובה אפילו ווען זיי געפינען זיך שוין ביים טויער פונעם גיהנום, און מיט זיין רשעות האָט ער געוואָלט פייניגן אידן אויך שוין נאָך זיין אַוועקגיין פון דער וועלט, און צוליב דעם האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּנים ווי ער וויל תשובה

**דאָס** איז אַ רמז (דייקא ביי די מצוה פון פרה אדומה וואָס איז מטהר פון טומאת מת), אַז דער תכלית פון טהרה איז אַז דער מענטש זאָל נישט נאָכקלערן נאָך די מידות פון דעם אויבערשטען, נאָר ער זאָל איהם נאָכגיין מיט אמונה שלימה[א], אַזוי ווי רש"י זאָגט אויפ'ן פסוק (דברים יח, יג) 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך' -'התהלך עמו

---

טוהן, כדי זיי זאָלן מסכים זיין איהם צו באַגראָבן אַ 'קבורת חמור', און ער האָט געשיקט פון פאָראויס מסר'ן ביי דער פּאָליציי אַז זיי זאָלן בשאַטראָפן די חברה קדישא פאַר זייערע מעשים.

לענינינו, קענען מיר לערנען פון דעם פסק פון דעם גאון רבי משה פיינשטיין, אַז **מ'טאָר זיך נישט 'איבערקליגן' די דינים פון דער תורה, און אין יעדן מצב, דאַרף דער מענטש מקיים זיין אַלעס וואָס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך, און זיך נישט אַוועקרירן דערפון אַפילו אַ האָרל.**

מ'קען זאָגן, אַז 'נאים הדברים למי שאמרם', דער גאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל, ווייל 'בדידיה הוה עובדא': רבי משה איז אַמאָל געשטאַנען און געדאַווענט 'שמונה עשרה', און אונטער איהם איז געשטאַנען אַ איד וואָס האָט מאריך געווען ביים דאַווענען (ווען דער ציבור האָט שוין געענדיגט דאַווענען 'שמונה עשרה'). רבי משה איז געשטאַנען און זיך נישט אויסגערוקט פון 'שמונה עשרה', וואַרטנדיג אַז דער איד זאָל ענדיגן דאַווענען, ווי עס ווערט גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (או"ח סי' ק"ב ס"ד) אַז מ'טאָר נישט דורכגיין פאַר איינעם וואָס דאַווענט שמונה עשרה.

ווען רבי משה איז געשטאַנען און געוואַרט אַז דער איד זאָל זיך אויסרוקן פון שמונה עשרה, איז מען געקומען איהם מודיע זיין אַז עס איז געקומען אַ וויכטיגער טעלעפאָן-רוף פון ארץ ישראל (אין יענע צייטן, זענען נישט געווען 'סעלפאָונס', און אַפילו אַ היים-טעלעפאָן איז נישט געווען אין יעדן הויז), פונדעסטוועגן, האָט רבי משה זיך נישט צוריקגערוקט פון שמונה עשרה, און איגנאָרירט דעם טעלעפאָן-רוף. ערשט נאָך דעם ווי דער צווייטער איד האָט געענדיגט דאַווענען שמונה עשרה, האָט רבי משה זיך אויך צוריקגערוקט און איז אַהיימגעגאַנגען ענטפערן דעם טעלעפאָן פון ארץ ישראל, אָבער יענער איז אינצווישן שוין נישט געווען אויפ'ן טעלעפאָן.

ווען די מקורבים און בני בית האָבן זיך געוואונדערט, פאַרוואָס רבי משה איז נישט אַהיימגעקומען זאָפאָרט ווען ער האָט געהערט אַז עס איז געקומען אַ דרינגענדער טעלעפאָן-רוף פון ארץ ישראל, האָט רבי משה געענטפערט מיט זיין באַקאַנטע פשטות: **'איך האָב דאָך געהאַט אַ וואַנט וואָס האָט מיך פאַרשטעלט, און איך האָב נישט געקענט גיין'**... פון גרויס דביקות אין די הלכות פון שולחן ערוך, האָט רבי משה נישט געמאַכט קיין חשבונות ווי אַזוי זיך איבערצוקליגן אויף די דינים, נאָר ער האָט אַלעס געטוהן בפשטות, 'כפשוטו של מקרא'.

**יא.** הרה"ק רבי העניך פון אלכסנדר זי"ע, פלעגט יעדעס יאָר שבת פרשת פרה, דערציילן אַ מורא'דיגע מעשה וואָס דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע פלעגט דערציילן, ווי פאָלגענד: די רשעות'דיגע גלחים פלעגן אַמאָליגע צייטן דורכפירן 'וויכוחים' מיט אידן ברבים, כדי צו ווייזן אַז זיי זענען גערעכט מיט זייער רעליגיע, עפ"ל. מיט דעם האָבן זיי געצילט צו צווינגען אידן אָנצונעמען דעם קריסטליכן גלויבן רח"ל. אַמאָל האָט אַ רשע אַ גלח באַקומען רשות צו פירן אַזאַ וויכוח מיט די אידן אין אַ געוויסן דאָרף, און דער זיגער - פון וועלכער זייט עס זאָל נאָר זיין - וועט אַריינוואַרפן דעם באַזיגטן אין ים אַריין.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן פחד צווישן די אידן אין דאָרף, זייענדיג פשוט'ע מענטשן, און האָבן נישט געהאַט צווישן זיך אַ קלוגן ערפאַרענעם איד וואָס זאָל קענען זיגן אינעם וויכוח מיט'ן גלח. זיי האָבן מתפלל געווען צום באַשעפער ער זאָל זיי העלפן אין זייער צרה.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פונעם געפלאַנטן וויכוח, האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן אַ איד וואָס זאָל מסכים זיין צו פירן דעם וויכוח מיט'ן גלח. איז געקומען אַ שניידער, אַ פשוט'ער איד, און זיך אָנגעטראָגן צו זיין דער וואָס וועט פירן דעם וויכוח מיט'ן גלח, זייענדיג זיכער מיט זיין בטחון, אַז דער אויבערשטער וועט איהם העלפן צו באַזיגן דעם גלח ביי דעם וויכוח.

ווען ס'איז געקומען די צייט פאַר'ן וויכוח, און דער גלח האָט געזעהן ווער עס גייט זיך דאָ 'פאַרמעסטן' מיט איהם אין דעם 'וויכוח', האָט ער געמיינט אַז די אידן זוכן פשוט אָפצולאַכן פון איהם, ווייל ער האָט געוואוסט אַז דער שניידער קען קוים לייענען און שרייבן... האָט ער פאָרגעשלאָגן אַז דער שניידער זאָל פריער איהם שטעלן אַ פראַגע, און ער וועט איהם ענטפערן (ער איז געווען זיכער ביי זיך, אַז צוליב זיין קליינעם שכל וועט זיין עצם שאלה זיין אַ געלעכטער ביי אַלע אָנוועזענדע). האָט דער שניידער געפרעגט דעם גלח, וואָס עס מיינט **'איני יודע'**. האָט דער גלח געענטפערט:

בתמימות ותצפה לו, ולא תחקור אחר העתידות, אלא כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות, ואז תהיה עמו ולחלקו'[יב].

**מיט** אט די מדה, איז אברהם ע"ה געלויבט געוואָרן, וואָס ער איז געווען דער ערשטער מאמין, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית טו, ו) 'והאמין בה' ויחשבה לו צדקה', און דער 'אגרא דכלה' זאָגט (פ' חוקת, ד"ה עמוד נא. און זעה 'היכל הברכה' פון הייליגן קאַמאַרנער זי"ע), אַז דאָס וואָרט 'והאמן' שטייט אָן אַ יו"ד ('והאמן'), ווייל דער אות יו"ד איז מרמז אויף 'חכמה' (ווי עס שטייט מערערע מאָל אין זוהר הקדוש), און ווען דעם פעלט דער אות י' פון 'והאמן', ווייל ביי אמונה דאַרף דער מענטש בטל מאַכן זיין גאַנצע 'חכמה', און גלייבן בפשטות, אָן 'חקירות' און 'דרישות', נאָר 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך'.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין צו די טהרה פון די פרה אדומה ווען מ'לייענט די פרשה אי"ה, היינטיגן שבת, און אַריינגיין בשמחה ובטוב לבב אין דעם לעכטיגן חודש ניסן הבא עלינו לטובה, 'בניסן נגאלו, ובניסן עתידין ליגאל', במהרה בימינו, אמן.

---

'ניע וויעם' ('איך ווייס נישט', אויף דער פוילישער שפּראַך). האָט דער שניידער אויסגעשריגן מיט באַגייסטערונג, 'דער גלח איז באַזיגט! ער האָט דאָך אַליין מודה געווען אַז **ער ווייסט נישט** דעם ענטפער אויף מיין פראַגע'... די גוים האָבן דאָך נישט געקענט די שפּראַך פון לשון הקודש, און ממילא, האָבן זיי אויך נישט פאַרשטאַנען זיין פראַגע, אָבער אין דער סעקונדע וואָס זיי האָבן געהערט ווי דער גלח זאָגט **'איך ווייס נישט'**, האָבן זיי איהם אַריינגעוואָרפן אין ים.

די דאָרפסלייט האָבן דערנאָך געדאַנקט און געלויבט דעם אויבערשטען פאַר דעם גרויסן נס וואָס ער האָט באַוויזן. שפּעטער, האָט מען געפרעגט דעם שניידער, פאַרוואָס ער האָט אויסגעקליבן פונקט די דאָזיגע פראַגע צו פרעגן דעם גלח. האָט ער געענטפערט מיט זיין תמימות, אַז ער האָט געזעהן אין חומש מיט 'עברי-טייטשט', אַז אויף די ווערטער **'איני יודע'** טייטשט ער אויף אידיש, **'איך ווייס נישט'**. 'האָב איך פון דעם פאַרשטאַנען, אַז אויב דער מחבר פון דעם הייליגן טייטש האָט נישט געוואוסט וואָס עס באַדייטן די צוויי ווערטער 'איני יודע', פון וואו זאָל דער גוי'אישער גלח עס וויסן'...

כאָטש למעשה, איז דער שניידער געווען אַ פשוט'ער קליין-קעפּלדיגער מענטש, אָבער דער רבי פון לובלין זי"ע האָט אַרויסגענומען פון דעם אַ וואונדערליכן לימוד, אַז **דער וואָס גלייבט פשוט און זאָגט אויף יעדע זאַך 'איני יודע' - איך ווייס נישט, און איך דאַרף נישט אַלעס וויסן און פאַרשטיין... ווערט געראַטעוועט פון אַלעם בייזן.**

**יב.** דער 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך', דאַרף זיין בשלימות, אָן קיין שום פגם, ווי צדיקים האָבן געזאָגט, אַז כאָטש ביי פרה אדומה איז דער דין, אַז כאָטש עס דאַרף זיין 'תמימה' - אינגאַנצן רויט - פסל'ט אבער נישט **איין** שוואַרצער האָר אין די פרה אדומה, נאָר **צוויי** שוואַרצע האָר פסל'ען עס פון צו זיין ראוי צו זיין דער קרבן פון 'פרה אדומה', אָבער ביי די מצוה פון 'תמים תהיה עם ה' אלוקיך', פסל'ט אַפילו איין 'האָרל' ווען עס פעלט אין די שלימות'דיגע אמונה אין באַשעפער. די אמונה דאַרף זיין 'תמימה', אָן אַ חסרון.

פון דער אַנדערער זייט, איז די 'תמימות' ביי אמונה גרעסער ווי די 'תמימות' ביי פרה אדומה, ווייל ביי די פרה אדומה, אויב עס זענען אויסגעוואַקסן צוויי שוואַרצע האָר אויף איר קערפּער, ווערט זי פסול אַלס אַ קרבן, אָבער ביי אמונה, אפילו אויב עס איז חלילה 'פסול' געוואָרן, קען דער מענטש עס אייביג פאַרריכטן און עס צוריקמאַכן צו זיין 'תמימה', ווען מ'נעמט אויף זיך צו גלייבן אויף אַן אמת, 'מכאן ואילך חושבנא'.

# קחו מאתכם תרומה לה'

דער חיד"א זי"ע ברענגט אין זיין חיבור 'פתח עינים' (מגילה יג:) אַ מעשה וואָס שטייט געשריבן אין ספר 'איומה כנדגלות', פון רבי יצחק עונקינײרה (געדרוקט ה' אלפים של"ז): אַ רייכער איז איז אַמאָל געפאָרן האַנדלען אין אַ ווייטן אינזל נעבן שפּאַניע, און פאַר דעם צוועק, האָט ער מיטגענומען מיט זיך זיין גאַנץ פאַרמעגן. זייענדיג אין מדבר, האָבן איהם באַגעגנט אַ באַנדע רויבער. זיי זענען איהם באַפאַלן און איהם איבערגעלאָזט 'בעירום ובחוסר כל'. פונקט דאַן איז דאָרט אַדורכגעפאָרן אַ גוי וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ שטאַרקער פאַרשוין, און דער איד האָט זיך אויסגעוויינט פאַר איהם איבער זיין ביטערן גורל. האָט די תאווה צו געלט זיך אָנגעצונדן ביי דעם גוי, און ער האָט געפרעגט דעם איד: אויב איך וועל נאָכיאָגן די רויבער און איך וועל ראַטעווען פאַר דיר דאָס געלט, וויפיל וועסטו מיר באַצאָלן פאַר דער 'אַרבעט'... האָט דער איד געענטפערט: אויב דו וועסט באַוויזן צוריקצוברענגען מיין פאַרמעגן, וועסטו באַקומען אַ צענטל דערפון, א סכום וואָס איז בכלל נישט 'אַוועקצומאַכן'.

דער גוי האָט אָבער נישט מסכים געווען דערצו, און פאַרלאַנגט מער געלט. צוביסלעך, האָט דער איד געהעכערט זיין אָנבאָט וויפיל ער איז גרייט צו באַצאָלן פאַר דעם גוי אויב ער וועט אַרויסבאַקומען צוריק זיין געלט פון די רויבערס. דער גוי האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינעם, אַז דער אָנבאָט איז צו נידעריג. צום סוף האָט דער גוי געזאָגט: אויב איך וועל קענען נעמען פאַר זיך דאָס גאַנצע געלט און דערנאָך דיר געבן וויפיל איך וועל באַשליסן, בין איך גרייט נאָכצויאָגן די רויבער און ראַטעווען דאָס געלט. בלית ברירה, האָט דער איד מסכים געווען און אונטערגעשריבן אויף אַ 'שטר', אַז פאַר'ן ראַטעווען זיין פאַרמעגן, קען דער גוי נעמען אַלעס פאַר זיך, און איהם צוריקגעבן וויפיל ער וועט איהם וועלן געבן.

דער סוף איז געווען, אַז דער גוי האָט נאָכגעיאָגט די רויבער און באַוויזן צוריק צו באַקומען דאָס געלט פון זיי, אָבער ער האָט גענומען פאַר זיך דאָס גאַנצע געלט, ווייזנדיג פאַר יעדן איינעם דעם 'שטר הסכם' וואָס דער איד האָט מיט איהם אונטערגעשריבן... אַזוי איז דער איד אַריינגעפאַלן פון איין רויבער צום אַנדערן... ער האָט געוויינט פאַר דעם גוי און געזאָגט, איך האָב טאַקע אונטערגעשריבן, אָבער דאָס אַלעס איז דאָך נאָר געווען געצוואונגענערהייט. איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט צו צעטיילן צווישן אונז דאָס געלט וואָס איך האָב אַלע יאָרן אַזוי שווער געהאָרעוועט דערויף מיט בלוט און שוייס. דער גוי האָט אָבער זיך גאָר ווייניג געקימערט מיט די געוויינען פון דעם איד.

אין זיין קלעם, האָט דער איד גערופן דעם גוי צום געריכט ביי דעם שפּאַנישן קעניג אַלפאָנסאָ, טראַכטנדיג, איך האָב דאָך סיי-ווי נישט וואָס צו פאַרלירן... אפילו אויב דער קעניג וועט מאַכן אַ פשרה צווישן אונז, וועל איך דאָך האָבן נאָך מער ווי איך האָב יעצט... דער קעניג האָט גוט פאַרשטאַנען דעם איד'ס קלעם, און פאַרשטאַנען אַז זיין אונטערשריפט איז געווען אָן קיין ברירה. ער האָט אָבער נישט געפונען אַ וועג ווי אַזוי 'איבערצוקליגן' דעם הסכם וואָס איז געווען געשריבן און אונטערגעשריבן לכל הדיעות.

ווען ס'איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס אין געריכט, האָט זיך דאָרט געפונען דער אידישער 'חכם', רבי שמואל הכהן סקאלי, און ער האָט געבעטן דעם קעניג אַז ער וויל לייענען דעם הסכם, צו זעהן וואָס דאָרט איז געשריבן. דער קעניג האָט עס איהם דערלאַנגט, און דער 'חכם' האָט געפונען אַ 'פּירצה' אינעם הסכם, נעמליך, אַז לויט דעם וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן, באַלאַנגט **אַלעס צו דעם איד...** ווייל דער הסכם לויטעט דאָך אַז דער גוי וועט געבן פאַר דעם איד וויפיל **ער וויל...** נו, דער גוי 'וויל' דאָך האָבן פאַר זיך דאָס גאַנצע געלט... ממילא, דאַרף ער אָט דאָס געבן פאַר דעם איד... דער איד איז אַרויס דער זיגער אין געריכט, 'ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר'.

לויט דעם טייטשט דער חיד"א זצ"ל, אחשוורוש האָט געזאָגט צו המן הרשע: 'הכסף נתון לך, **והעם לעשות בו כטוב בעיניך**', און צום סוף, איז מקוים געוואָרן ביי איהם 'ונהפוך הוא'... תוספות זאָגט (מגילה יג: ד"ה 'הכסף'), אַז דאָס וואָרט 'הכסף' באַטרעפט 160, אַזוי ווי 'העץ', אַ רמז אַז ער וועט אויפגעהאָנגען ווערן אויפ'ן בוים. דארף מען פארשטיין, ממילא, לגבי דעם ענין פון אויפגעהאָנגען ווערן אויפ'ן בוים, פאַרשטייט מען דעם באַדייט פון 'ונהפוך הוא'. אָבער ווי איז דאָ מקוים געוואָרן דער 'ונהפוך הוא', לגבי דעם ענין פון 'והעם לעשות בו כטוב בעיניך'. אָבער לויט די דערמאַנטע מעשה, איז פאַרשטענדליך, אַז אחשוורוש האָט מרמז געווען פאַר המן: 'והעם לעשות בו כטוב בעיניך' - דו קענסט טוהן מיט דעם פאָלק דאָס וואָס **'דיר' געפעלט פאַר זיך אַליין...** דאָס זאָלסטו זיי געבן, און דאָס איז שפּעטער מקוים געוואָרן...

לענינינו קען מען זאָגן, דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע שרייבט ('דברי חיים', פ' תרומה), אויפ'ן פסוק 'מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי'. דער פּסוק איז מרמז, אַז **יעדער מענטש זאָל נעמען וואָס זיין האַרץ גליסט ('ידבנו לבו'), און עס אוועקגעבן פאַר דעם אויבערשטען.**

דאָס מיינט, יעדער איד מיט זיינע נסיונות, דאָרט וואו זיין יצר הרע ברענט שטאַרקער, אַ זאַך וואו עס ברענט אין איהם דער 'פייער' רח"ל צו טוהן אַן עבירה ח"ו, זאָל ער עס מקריב זיין און אַוועקגעבן אַלס אַ נדבה פאַר דעם אויבערשטען.